משה טערמאַן.

קולטור
און דער אַרבייטער־קלאַס.

מיט דער ביאָגראַפיע פון פערפאַסער.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

פערלאַג
לעבענס־פראַגען
וואַרשא

784

1918.

משה טערמאַן.

(ביאָגראַפיע).

משה טערמאַן איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1874 אין סטאָהילעוו, ביים דניעפּער. ער האָט געהערט צו די פּיאָנערען פון דער יודישער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין רוסלאַנד. נאָך אין די 90-גער יאָהרען, איידער דער „בונד" האָט זיך געגרינדעט, האָט ער אין זיין געבורטס-שטאָט גענומען פערשפּרייטען די סאָציאַליסטישע אידעען. אַרום איהם האָט זיך גרופּירט אַ קרייז יונגע אַרבייטער און אינטעליגענץ, פון וועלכע פיעלע האָבען שפּעטער אַקטיוו געאַרבייט אין דער בעוועגונג און אויך געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע. נאָך דער גרינדונג פון „בונד" האָט ער זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג; ער האָט געאַרבייט אין פערשידענע שטעט: ווילנא, מינסק, קאָוונא און אַנדערע, און געדינט דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט מיט זיינע וויסענשאַפטליכע קענטנישען און ליטעראַרישע פעהיגקייטען.

ער איז געווען איינער פון די נאָהענטסטע מיטאַרבייטער אין אַלע אונלעגאַלע און לעגאַלע אויסגאַבען פון „בונד". ער האָט פיעל וויכטיגע סאָציאַליסטישע ווערק איבערגעזעצט פון פערשידענע אייראָפּעאישע שפּראַכען פאַר די פערלאַגען פון „בונד". זיין אויסגעצייכענט אָריגינעל בוך „רעליגיע און קלאַסען-געגענזאַצען", וואָס איז פון אָנפאַנג ערשינען אונלעגאַל און דערנאָך אַרויסגעגעבען געוואָרען פון פערלאַג „די וועלט" און אויך איבערגעזעצט געוואָרען אין רוסיש, איז געהען אַ גאַנץ נייע ערשיינונג אין אונזער ליטעראַטור; עס האָט איהם געמאַכט אַ גרויסען נאָמען אין דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג.

ווען דער צענטראַל-קאָמיטעט פֿון „בונד“ האָט אין יאָהר 1904 אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אונלעגאַל אין רוסלאַנד דעם פּאָפּולערען אָרגאַן „דער בונד“, האָט טערפּאַן גענומען זעהר אַ טיילנעהמען אַנטייל אין דעם דאָזיגען אָרגאַן: ער איז געווען ניט נור מיטגליד פֿון רעדאַקציע, נור פּראַקטישער רעדאַקטאָר און האָט ניט ווייניג בייגעטראָגען, אַז „דער בונד“ זאָל טאַקי זיין צוגענגליך פֿאַר די ברייטעסטע יודישע אַרבייטער-מאַסען.

זייענדיג שטענדיג פֿאַרנומען מיט פּראַקטישער אַרבייט אין דער בעוועגונג, האָט טערפּאַן דאָך געפֿונען צייט צו שטודירען; ער האָט זיך זעהר פֿיעל אָבגעגעבען מיט זעלבסט-בילדונג. ער האָט עטליכע יאָהר ביז דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד: אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אַ סך געלערנט. קיין איין מינוט איז פֿאַר איהם ניט געגאַנגען פֿאַרלאָרען. ער איז געווען אַ מענש מיט אַ גרויסען וויסען, אַלזייטיג געבילדעט, „אַ געהעריגע ענציקלאָפּעדיע“, ווי זיינע נאָהענטע פֿריינד פֿלעגען איהם רופֿען, מיט אַ שטאַרקע לאָגיק, דערצו האָט ער נאָך געהאַט די מעלה, וואָס ער האָט יעדע זאַך געקענט מסביר זיין אַזוי קלאָר, אַז ס'זאָל איהם פֿאַרשטעהן אפילו דער איינפֿאַכסטער לעזער און צוהערער.

אין 1905 האָט ער אַ לענגערע צייט געאַרבייט אין וואַרשא, וואו ער איז געווען מיטגליד פֿון אָרטיגען קאָמיטעט און אָנגעפֿיהרט מיט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבייט. אָנהויב יאָהר 1906, ווען ער בעטייליגט זיך אין ערשטען לעגאַלען אָרגאַן פֿון „בונד“, אין ווילנער טעגליכען „וועקער“, האָט ער ווידער עמיגרירט קיין לאָנדאָן. דאָרט האָט ער פֿערענדיגט זיין גרעסערע ווערק וועגען אַנאַרכיזם, וואו ער בעהאַנדעלט די פֿערשידענע שטרעמונגען פֿון אַנאַרכיזם און ווייזט די שעדליכקייט פֿון די דאָזיגע אידעען פֿאַר דער סאָציאַליסטישער קלאַסען-בעוועגונג פֿון פּראָלעטאַריאַט. איבער דעם דאָזיגען ווערק האָט ער זעהר פֿלייסיג געאַרבייט, שטודירט אין בערימטען בריטישען מוזיי די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. דעם ווערק איז אָבער ניט בעשערט געווען צו זעהען די ליכטיגע וועלט.

אין יאָהר 1907 האָט זיך טערמאַן אומגעקערט קיין רוסלאַנד און זיך בעזעצט, לויט'ן אויפטראַג פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד“, אין וואַרשא. ער שטעלט זיך דאָרט אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע און האַלט פון צייט צו צייט מיט גרויס ערפאָלג לעקציעס אין „אוניווערזיטעט פאַר אַלעמען“, וואָס האָט דאַן אין וואַרשא עקזיסטירט און וואָס איז שפּעטער פאַרמאַכט געוואָרען פון דער רוסישער אָכראַנע. זיין טעטיגקייט ווערט איבערגעריסען; ער ווערט אַרעסטירט, אַוועקגעפיהרט אין בריסקער פעסטונג, וואו ער זיצט אָב עטליכע חדשים און ווערט נאָך דעם אַרויסגעשיקט אין זיין געבורטסשטאָט מאָהילעוו אונטער פּאָליציי-אויפזיכט.

בעת'ן אַרעסט האָט די אָכראַנע ביי איהם צוגענומען דאָס פּאַרטייִנע ווערק וועגען אַנאַרכיזם, און וויפיעל ער האָט זיך נישט בעמיהט נאָך דער בעפרייאונג צוריק צו בעקומען פון דער וואַרשאַווער אָכראַנע דעם מאַנוסקריפּט, איז עס איהם נישט געלונגען. אַנ'אַרבייט פון פיעל יאָהרען איז געגאַנגען לאיבוד, און דאָס האָט איהם זעהר פיעל קרענקונג פערשאַפט; זיין קראַנקהייט — אַסטמע, פון וועלכער ער האָט יאָהרענלאַנג געליטען, האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט צוליב דעם.

נאָך דער בעפרייאונג פון בריסקער פעסטונג בלייבט ער אין מאָהילעוו. ס'האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבען די פינסטערע צייט פון דער רעאַקציע; די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע זענען געגאַנגען באַרג אַראָב; מאַסענווייז האָבען זיך גענומען צולויפען די פערשידענע פּאַרטיי-טוער פון די אָרגאַניזאַציעס, זיך איינגעשלאָסען אין די ד' אמות פון פּריוואַטען לעבען, געזוכט זיך בעסער איינצואָרדנען, מאַכען אַ קאַריערע. טערמאַן איז געווען איינער פון יענע ווענִיגע, וואָס זענען אויף זייערע פּאָסטענס געבליבען; ער אַרבייט אין מאָהילעוו און אומגעגענד און רעפּרעזענטירט דעם דאָזיגען ראַיאָן אויף דער פּאַרטיי-בעראַטונג, וואָס דער צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד“ האָט אין מערץ 1908 צונויפגערופען אין גראָדנאָ. ער אַרבייט, ביז וואַנען די פּאָליציי-פערפאָלגונגען פון איין זייט און די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פון דער צווייטער זייט צווינגען איהם ווייטער צו עמיגרירען קיין לאָנדאָן, און פון דאָרט ווערט ער פערוואָגעלט אין אַמעריקאַ.

אין נייעם לאַנד שטעלט זיך טערמאַן גלייך אין די רייהען פֿון יודישען סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט און דינט איהם מיט וואָרט און פען. ער, דער בעשיידענער מענש, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט געשטופּט אין פֿראָנט אַריין, פֿערנעמט אָהן טומעל און געפּילדער אַנ'אָנגעזעהן אָרט אין דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג פֿון אַמעריקאַ, וואו מען איז אַזוי געוואוינט צו שרייענדיגער רעקלאַמע. דאָס גענוגט איהם אַ דאַנק זיין ערענהאַפֿטער ערנסטער אַרבייט, צוליב וועלכער ער ווערט געשעצט פֿון אַלעמען, אפילו פֿון די, וואָס האָבען זיך איינגערעדט, אַז דער יודישער אַרבייטער איז נישט דערוואַקסען צו ערנסטער אויפֿקלערונג און מען דאַרף איהם קאָרמענען מיט אַלף-בית. טערמאַן מיט נאָך אַריבער-געקומענע עמיגראַנטען-בונדיסטען קעמפֿט שטאַרק געגען דער ליבּטזיניגער בעציהונג פֿון די פֿיהרער פֿון דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג אין אַמעריקאַ צו די גייסטיגע בעדערפֿנישען פֿון די יודישע אַרבייטער; ער טרעט אַרויס ביי יעדער געלעגענהייט געגען דעם אַראָבלאָזען זיך פֿון די דאָזיגע פֿיהרער צו די גראָבע אינסטינקטען פֿון דער מאַסע, און די אַרבייט פֿון איהם און זיינע חברים האָט סוף-כל-סוף אַ ווירקונג. די פֿיהרער פֿון דער אַמעריקאַנער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג דערפֿיהלען, אַז אַ נייער דור איז אויפֿגעשטאַנען, און זיי מוזען אָבטרעטען בּיסלעכווייז פֿון זייער אַלטען פֿערשימעלטען שטאַנדפּונקט פֿון וואַסערדיגער פּאָפּולאַריזאַציע; אמת, זיי ווילען זיך נישט אונטערגעבען, זיי וועהרען זיך געגען די נייע בעגריפֿען, וואָס די אַריבערגעקומענע עמיגראַנטען טראָגען אַריין, ווילען נישט דערלאָזען די דאָזיגע עמיגראַנטען צום וואָרט; די וואַנד ווערט אָבער דורכגעבראָכען און ס'קומט פֿאָר אַ איבערקערעניש אין דעם גאַנצען מהות פֿון דער אַמעריקאַנער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג.

די לעצטע צעהן יאָהר שטעלען מיט זיך פֿאָר איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע עפּאָכען אין דער געשיכטע פֿון דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג אין אַמעריקאַ. דאָס איז אַנ'עפּאָכע, ווען עס זענען „איבערגעשאַצט געוואָרען אַלע ווערטען", ווען נייע ווינטען האָבען גענומען בלאָזען צווישען די יודישע אַרבייטער אין אַמעריקאַ, ווען די „געלקייט" האָט

געמוזט קאַפּיטולירען געגען דער ערנסטקייט, געגען דער שטרעבונג אויפֿ-
צוהויבען די מאַסע צו זיך און געבען איהר געזונדע גייסטיגע נאַהרונג.
די נייע עמיגראַנטען פֿון רוסלאַנד האָבען אין דער דאָזיגער עפּאָכע גע-
שפּילט די וויכטיגסטע ראָלע, זיי האָבען ארויפֿגעלעגט זייער שטעמפּעל
אויף אַלע צווייגען פֿון דער אַמעריקאַנער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג,
און טערמאַן פֿערנעמט דאָ איינס פֿון די ערשטע פּלעצער. אויפֿערהויפּט
גיט ער זיך אָב מיט אַ ברייטער קולטורעלער טעטיגקייט; ער ערווערבט
זיך אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין אַמעריקאַ מיט זיינע אינהאַלטס-רייכע
לעקציעס אויף וויסענשאַפֿטליכע און סאָציאַליסטישע טעמעס, וואָס ער
האַלט אין די יודישע אַרבייטער-צענטרען. ער שרייבט אַ פֿיעל וויכטיגע
אַרבייטען וועגען קולטור-געשיכטע, סאָציאַליזם, געשיכטע פֿון דער אַרביי-
טער-בעוועגונג און וועגען פֿערשידענע אַלגעמיינע געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגען.
ער ווערט אַ נאָהענטער מיטאַרבייטער פֿון דער צייטונג „דער אַר-
בייטער”, דער יודישער אָרגאַן פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער-פּאַר-
טיי (ס. ל. פּ. — ראַדיקאַלע ריכטונג), וועלכער איז רעדאַקטירט געוועזען
פֿון בערימטען יודישען שרייבער דוד פּינסקי און פֿון דעם אָנגעזעהענעם
אַמעריקאַנער יודישען סאָציאַליסטישען אַרבייטער-פֿיהרער יוסף שלאָסבערג,
דעם איצטיגען גענעראַל-סעקרעטאַר פֿון דער מעכטיגער ראַדיקאַלער יודי-
שער מענער-שניידער יוניאָן. די דאָזיגע צייטונג האָט עס קאָנצענטרירט
אַרום זיך אַלע יונגע ליטעראַרישע סאָציאַליסטישע כוחות: זי איז געוועזען
די אַרענע פֿאַר די ניי אַריבערגעקומענע עמיגראַנטען, וואו עס איז אָנגע-
פֿיהרט געוואָרען דער קאַמף געגען דער „געלקייט” אין דער יודישער
אַרבייטער-בעוועגונג. טערמאַן האָט דאָרט אָפֿט געשריבען און יעדער אַר-
טיקעל זיינער האָט צוגעצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון ערנסטען עולם.
שפּעטער ווערט ער אויך ערוועהלט אין רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע פֿון סאָ-
ציאַליסטישען זשורנאַל „די צוקונפֿט”, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט
זיין ערנסטקייט, מיט זיין רייכען אינהאַלט, סיי סאָציאַליסטישען, סיי אַל-
געמיין-קולטורעלען. אונטער דער רעדאַקציע פֿון בעריהמטען יודישען
דיכטער און פּובליציסט אברהם ליעסין ווערט די „צוקונפֿט” דער בעסטער
יודישער זשורנאַל, און טערמאַן ווערט שפּעטער געהילפֿס-רעדאַקטאָר פֿון

„די צוקונפֿט". ער אַרבייט מיט אין דער פּרעסע פֿון דער יודישער פּראָפֿעסיאָנעלער בעוועגונג. ער איז אויך עקזעקוטיוו-מיטגליד פֿון „אַרבייטער-רינג", פֿון דער מעכטיגער זעלבסט-הילף-אָרגאַניזאַציע פֿון די יודישע אַרבייטער אין אַמעריקאַ, און פֿאָרזיצער פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿאַר אויפֿקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע ביים „אַרבייטער-רינג". אונטער זיין רעדאַקציע לאָזט עס אַרויס דער דאָזיגער קאָמיטעט אַ בוך „די וועלט און די מענשהייט", וואָס איז זעהר אַ וויכטיגער בייטראַג צו אונזער וויסענשאַפֿטליכער ליטעראַטור. דער זעלבער קאָמיטעט גיט איהם דערנאָך איבער אָנצושרייבען אַ גרויס ווערק וועגען דער געשיכטע פֿון דער אַרבייטער-בעוועגונג. אין דער זעלבער צייט איז טערמאַן מיטרעדאַקטאָר פֿון דעם גרויסען ענגליש-יודישען ענציקלאָפּעדישען ווערטער-בוך, וואָס איז אַ ריזיגע אַרבייט, אַ ווערק פֿאַר דורות.

ער איז איינער פֿון די גרינדער פֿון דער „יודישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע" (פֿעדעראַטיווער טייל פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקאַ), וואָס האָט אַזאַ גרויסען איינפֿלוס אויף אַלע געביטען פֿון דער אַמעריקאַנער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג, און אַ נאָהנטער מיטאַרבייטער פֿון איהרע אָפֿיציעלע אָרגאַנען: פֿריהער דער צוויי וועכענטליכער „יודישער סאָציאַליסט" און דערנאָך די וועכענטליכע „די נייע וועלט".

טערמאַן האָט גרינדליך שטודירט אַמעריקאַ; ער האָט אויסגעצייכענט געקאָנט די אַמעריקאַנער אַרבייטער-בעוועגונג, געוואוסט גוט די אַמעריקאַנער געזעצגעבונג, די אַמעריקאַנער פּאָליטיק, ליטעראַטור, דאָס אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿטליכע לעבען. ער האָט זיך אָבער נישט אויפֿגעהערט צו אינטערעסירען מיט רוסלאַנד. ער איז געוועזען איינער פֿון די ווינציגע, וואָס האָבען נאָכגעפֿאָלגט זעהר פֿלייסיג אַלץ, וואָס אין רוסלאַנד קומט פֿאָר. זייענדיג אינגאַנצען פֿערטאָן מיט'ן אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿטליכען לעבען, איבערהויפּט מיט דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג, האָט ער קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט צו טרוימען וועגען אומקעהרען זיך צוריק אין רוסלאַנד, כדי זיך ווייטער שטעלען צום דינסט פֿון „בונד".

ענדליך איז דער דאָזיגער טרוים פערווירקליכט געוואָרען. ס'האָט אויסגעבראָכען די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, און טערמאַן בעשליסט זיך אומצוקערען אין רוסלאַנד. זייענדיג גוט איינגעאָרדענט אין אַמעריקא, סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיג, האַלט דאָס איהם אָבער נישט אָב דורכצופֿיהרען זיין בעשלוס. ער וואַרפֿט אַלע זיינע בעשעפֿטיגונגען און לאָזט זיך אַוועק אין רוסלאַנד נישט דורך יאַפּאַן, מיט דעם מעהר זיכערן וועג, נור דורך נאָרוועגיען, מיט דעם מעהר ריזיקאַלישען וועג. ער וויל וואָס גיכער זיין צוריק אין זיין אַלטער הײמאַט, פֿאַר וועמעס בעפֿרייאונג ער האָט אַוועקגעגעבען זיינע בעסטע כוחות, כדי ווידער פֿאָרטצוזעצען זיין טעטיגקייט אין די רייהען פֿון „בונד". ער קומט אין פעטראָגראַד, וואו ער איז קורצע צייט רעדאַקציאָנס-סעקרעטאַר פֿון „גאָלאָס בונדא". פעטראָגראַד ווירקט אָבער שלעכט אויף זיין געזונד און ער בעזעצט זיך אין זיין געבורטס-שטאָט מאָהילעוו, וואו ער ווערט ערוועהלט אַלס סעקרעטאַר פֿון דער שטאָט-אופּראַווע.

נישט לאַנג איז אויסגעקומען טערמאַנען צו אַרבייטען אין פֿרייען רוסלאַנד. דער גרויזאַמער טויט האָט גאָר גיך זיין רייכֿען טעטיגען לעבען איבערגעריסען. דעם 6-טען נאָוועמבער 1917 איז ער פּלוצלונג געשטאָרבען אין די בעסטע יאָהרען, פֿול מיט גרויסע פּלענער פֿאַר זיין נייער טעטיגקייט אין נייעם רוסלאַנד. אַזוי איז אַוועק פֿון דער וועלט איינער פֿון די ערשטע טוער אין דער יודישער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין רוסלאַנד, וועלכער האָט צוזאַמען מיט איהר דורכגעמאַכט די ליכטיגע און פֿינסטערע צייטען, איהרע גרויסע נצחונות און ביטערע מפּלות.

ס'איז פֿרוהצייטיג איבערגעהאַקט געוואָרען דאָס לעבען פֿון אַ ליבּליכען מענשען, אַ האַרציגען פֿריינד, אַ טרייען חבר און אונערמידליכען קעמפֿער. ס'וועלען איהם אייביג געדענקען אַלע הונדערטער און טויזענדער חברים פֿון ביידע זייטען ים, אין רוסלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקא, אַלע יענע, וועלכע האָבען איהם געקענט און צוזאַמען מיט איהם געלעבט און געקעמפֿט.

די בראָשור, וואָס ווערט דאָ געגעבען, איז בלויז אַ קליינער טייל פֿון דער רייכער ירושה, וואָס טערמאַן האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך. ליידער, זענען זיינע פֿיעלע אַנדערע ליטעראַרישע אַרבייטען אונמעגליך איצט צו קריגען, ווייל זיי זענען הויפּטזעכליך געדרוקט אין פֿערשידענע אַמעריקאַנער אויסגאַבען אָדער געבליבען אין מאַנוסקריפּט אין אַמעריקא. ווען די איצטיגע שוידערליכע מלחמה וועט זיך ענדיגען, וועט די יודישע אַרבייטער-בעוועגונג געוויס טאָן איהר חוב צו איינעם פֿון איהרע לעהרער און אַרויסגעבען אַלע זיינע שריפֿטען. דאָס וועט זיין אַ גרויסער בייטראַג פֿאַר דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג און דער שענסטער דענקמאָל פֿאַר דעם פֿערשטאָרבענעם גופֿא. ער האָט עס זיכער פֿערדינט...

שבֿנא עפּשטיין.

ג.

סאָציאַליזם און קולטור.

אין היינטיגער צייט איז פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז די מענשליכֿע געזעלשאַפֿט גערט מיט שנעלע טריט צום סאָציאַליזם, און די הויפּט-ראָלע אין אָט דעם גאַנג שפּילט דער אַרבייטער-קלאַס. וואָס איז אַזוינס סאָציאַליזם? וואָס פֿאַר אַ צילען שטעלט אַרויס די סאָציאַליסטישע בעוועגונג?

מיט עטליכֿע יאָהר צוריק איז אין דער פֿראַנצויזישער צייטונג „פֿיגאַראָ” ערשינען אַ קאַריקאַטור, וואָס גיט אַ וויציגען ענטפֿער אויף אָט דער פֿראַגע. די קאַריקאַטור בעשטעהט פֿון דריי בעזונדערע בילדער, וועלכֿע כֿאַראַקטעריזירען די פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטליכֿער איינאָרדנונג: מאָנאַרכֿיזם, רעפּובליק און סאָציאַליזם.

דאָס ערשטע בילד שטעלט פֿאָר אַ גרויסע קאָריטע, פֿול מיט פּאָלאָווע, און איבער איהר שטעהט אַ שרעקליך גרויסער אָבגעפֿרעסענער חזיר. פֿון דערווייטענס לויפֿען אַרום גאַנצע טשערעדעס קליינינקע חזירים'לעך, שרעקליך מאָגערע, אויסגעהונגערטע און שמוציגע. די אַלע חזירים'לעך רייסען זיך צו דער קאָריטע, דער מורא'דיג גרויסער חזיר האָט אָבער אַליין פֿערנומען די גאַנצע קאָריטע און לאָזט זיי נישט צו. אונטער'ן בילד איז אונטערגעשריבען: „מאָנאַרכֿיזם”.

דאָס צווייטע בילד שטעלט פֿאָר די שפּעטערדיגע אָרדנונג, די הערשונג פֿון דער בורזשואַזיע. אויפֿ'ן בילד זעהט זיך די זעלביגע

קאָריטע מיט די זעלביגע טשערעדעס פערהונגערטע און אויסגע-מאָגערטע חזירים׳לעך, וועלכע רייסען זיך צו איהר, זיי קענען אָבער צו איהר ניט צוטרעטען. נור אָנשטאָט איין מורא׳דיגען חזיר, וואָס האָט פערנומען די גאַנצע קאָריטע—ווי עס שטעלט פאָר דאָס ערשטע בילד — שטעהט אַרום דער קאָריטע אַ גאַנצע גרופע חזירים, וועלכע זענען אויך זעהר גרויס, אָבגעקאָרמעט און פעט. אונטער-געשריבען: „רעפובליק".

דאָס דריטע בילד שטעלט פאָר די נייע אָרדנונג. צווישען די חזירים איז שוין נישטאָ קיין גרויסע און קליינע, פעטע און מאָגע-רע. אַלע חזירים שטעהען אַרום דער קאָריטע; אַלע האָבען צו איהר אַ פרייען צוטריט; און אַלע פרעסען פון איהר מיט אַ שרעק-ליכער זשעדנעקייט. קיינער פון זיי איז ניט זעהר גרויס, אַלע זענען אָבער רונדע, פעטע, אָבגעקאָרמעטע און מיט פולע אָנגע-שטאָפּטע בייכער. אונטערגעשריבען: „סאָציאַליזם"...

פון דער דאָזיגער קאַריקאַטור זעהען מיר, אַלזאָ, וואָס איז אזוינס סאָציאַליזם. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז איינפאַך די שטרעבונג איינצופיהרען אַזאַ אָרדנונג צווישען די חזירים-מענשען, אַז אַלע זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו ערפילען זייערע חזיר׳שע בעדערפנישען. יעדערער זאָל האָבען אַ פולע קאָריטע, פון וועלכע ער זאָל קענען פרעסען דעם גאַנצען טאָג און ווערען מיט יעדען טאָג אַלץ דיקער און פעטער.

איז דאָס דער סאָציאַליזם? איז דאָס יענער הויכער אידעאַל, וואָס בעגייסטערט מיליאָנען מענשען צום העלדישען קאַמף? זיך דאָס יענע נייע רעליגיע, צוליב וועלכער טויזענדער מענשען זענען אָפט מקריב זייער לעבען, זייער פרייהייט און אַלץ, וואָס זיי איז ליב און טייער?

עס פערשטעהט זיך, אַז נור אַזאַ פערביסענע רעאַקציאָנערע ציימונג, ווי די „פיגאַראָ", האָט געקענט פאָרשטעלען דעם סאָציאַ-ליזם אין אַזאַ געשטאַלט. אין דער ווירקליכקייט ליגט די פראַגע פון סאָציאַליזם ניט אין געביט פון טהירישע אינסטינקטען און

בעדערפֿנישען, נור אין דעם געביט פֿון די העכסטע מענשליכע שטרעבונגען און אידעאלען.

וואס זענען אזוינס די העכסטע מענשליכע שטרעבונגען און אידעאלען?

ווען איהר שטעלט זיך א פֿראגע: וואס איז דאס הויפטציל, צו וועלכען עס שטרעבט יעדער איינצעלנער מענש? ענטפֿערט איהר, אז דער הויפט-ציל, צו וועלכען יעדער מענש שטרעבט, — דאס איז גליק. עס פֿערשטעהט זיך, אז פֿערשידענע מענשען פֿערשטעהען אויף פֿערשידענע אופנים דאס ווארט „גליק". איינער פֿערשטעהט אונטער „גליק" — רייכטום, א צווייטער — כבוד, א דריטער — אינטעלעקטועלע און מאראלישע פֿאלקאמענהייט. וואס דער מענש זאל אבער נישט פֿערשטעהן אונטער דעם ווארט „גליק", נור דאס איז דאס הויפט-צוועק פֿון זיין לעבען; דער הויפט-פונקט, צו וועלכען עס זענען געריכטעט אלע זיינע האנדלונגען און מעשׂיגקייטען.

ווען מיר שטעלען זיך אבער א פֿראגע: וואס איז דאס הויפט-ציל, צו וועלכען עס שטרעבט נישט אן'איינצעלנער מענש, נור א מענשליכע געזעלשאפֿט? וואס איז דאס הויפט-ציל, צו וועלכען עס שטרעבט א מלוכה אדער א נאציע? קענען מיר נישט זאגען, אז א מלוכה אדער א נאציע שטרעבט צו גליק. זי שטרעבט, אז איהרע מיטגלידער זאלען זיין גליקליך; אן-און-פֿאר-זיך איז אבער דאס ציל פֿון איהרע שטרעבונגען גאר אן'אנדערער. א מלוכה אדער א נאציע שטרעבט קודם כל צו א הויכען צושטאנד פֿון קולטור און ציוויליזאציע. זיך אויפֿהויבען אויף די הויכע שטופֿען פֿון קולטור, שטעהן אויף א הויכער מדרגה פֿון ציוויליזאציע — אט דאס איז דאס הויפט-ציל, צו וועלכען עס זענען געריכטעט אלע שטרעבונגען און מעשׂיגקייטען פֿון א מענשליכער געזעלשאפֿט.

אן'איינצעלנער מענש שטרעבט צו גליק, א מענשליכע געזעלשאפֿט שטרעבט צו קולטור.

און דאס שטרעבען צו קולטור בעמערקט זיך נישט בלויז

אין דער לעצטער צייט. שוין פון טויזענדער יאָהרען, זינט די מענשהייט עקזיסטירט, האָט זיך ביי מענשען טיף איינגעוואָרצעלט א גערשאַנק, אַז קולטור איז איינע פון די טייערסטע אוצרות, מיט וועלכע די מענשהייט איז געבענשט. נישט נור געבילדעטע מענשען וייסען ווי צו שעצען דאָס, וואס מיר רופען קולטור, נור אפילו די אונוויסענדסטע און ווילדסטע מענשען פיהלען אַ גרויסען רעספעקט פאַר די, וועלכע זיי האַלטען פאַר מעהר קולטורעל איידער זיי אַליין זענען.

וואָס-זשע איז אַזוינס קולטור? וואָס דאַרפען מיר פערשטעהן אונטער אָט דעם וואָרט?

ווען מיר זאָלען זיך פאָרשטעלען אַ פערוואָרפען דערפעל ערגעץ אין רוסלאַנד אָדער גאַליציען, דערנאָך זאָלען מיר זיך פאָר־שטעלען אַ גרעסערע שטאָט, ווי מינסק, וויטעבסק וכדומה, און דער־נאָך זאָלען מיר זיך פאָרשטעלען אַזאַ שטאָט ווי ניו-יאָרק, וועלען מיר אַלע מאָל זאָגען, אַז אין ניו-יאָרק איז מעהר קולטור איידער אין מינסק אָדער וויטעבסק, און אין מינסק אָדער וויטעבסק איז מעהר קולטור איידער אין דעם פערוואָרפען דערפעל.

פאַר וואָס זאָגען מיר אַזוי?

מיר זאָגען אַזוי דערפאַר, ווייל אין ניו-יאָרק איז דאָ פיעל מעהר זאַכען, וואָס דינען צו בעפרידיגען די הויך ענטוויקעלטע מענשליכע בעדערפנישען, איידער אין מינסק אָדער וויטעבסק, און נאָך מעהרער איידער אין אַ פערוואָרפען דערפעל. אין ניו-יאָרק האָבען מיר טויזענדער פערשידענסטע פאַבריקען און ווערקשטאַטען, די מאָדערנסטע מאַשינעריי אין אַלע צווייגען פון דער פראָדוקציע, די שנעלסטע און בעקוועמסטע מיטלען פאַר פערקעהר און טראַנ־ספאָרט, די בעדייטענדסטע מאָנומענטען פאַר אַרכיטעקטור, די בעסטע טעאַטערן, ביבליאָטעקען און מוזעען, די שענסטע פאַלאַצען און פאַרקען, די מאָדערנסטע איינריכטונגען אין די וואָהנונגען און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. מיט איין וואָרט, מיר האָבען דאָ פיעל מעהר זאַכען, וואָס דינען צו בעפרידיגען די פערשידענסטע

מענשליכע בעדערפֿנישען, איידער אין אַ קלענערער שטאָט און נאָך פֿיעל מעהרער איידער אין אַ דאָרף.

וואָס זשע איז, אַלזאָ, קולטור?

„קולטור" הייסט די אָנזאַמלונג פֿון פֿערשידענע זאַכען, וואָס זענען בעשאַפֿען געוואָרען פֿון דער מענשליכער אַרבייט און דינען צו בעפֿרידיגען די מאַטעריעלע און גייסטיגע בעדערפֿנישען פֿון די מענשען. וואָס מעהר מיר האָבען פֿאַבריקען, מאַשינען, אייזענבאַהנען, דאַמפֿשיפֿען, טעלעגראַפֿען, טעלעפֿאָנען, ביבליאָטעקען, מוזעען, אַקאַדעמיעס און אַזוי ווייטער, אַלץ מעהר קולטור בעזיצען מיר. וואָס וועניגער מיר האָבען פֿון די אַלע זאַכען, אַלץ וועניגער קולטור האָבען מיר.

דאַכט זיך, אַז דאָס איז ריכטיג, און מיר ווייסען שוין וואָס איז אַזוינס קולטור. קוקען מיר זיך אָבער צו אַביסעל נעהענטער, זעהען מיר, אַז אָט די אַלע גוטע זאַכען, וואָס מיר האָבען ערשט דערמאָנט, זענען בלויז אַ רעזולטאַט פֿון קולטור, אָבער נישט די קולטור אַליין.

און אין דער אמת'ן: שטעלט זיך פֿאָר אַ גרויסע שטאָט, וואו עס איז אָנגעזאַמעלט אַ סך „קולטור". עס האָט געטראָפֿען אַן ערד-ציטערניש אָדער אַ גרויסע שרפה און די גאַנצע שטאָט מיט איהר גאַנצער „קולטור" איז פֿערניכטעט געוואָרען. פֿון די אַלע זאַכען, וואָס די מענשען האָבען בעשאַפֿען, איז געוואָרען אַ תּל, נור די מענשען אַליין, די איינוואוינער פֿון שטאָט, האָבען זיך אויף אַ געוויסען אופֿן גערעטעט און זענען גאַנץ געבליבען. וואָס וועט זיין דעמאָלט דער רעזולטאַט?

עס פֿערשטעהט זיך אַליין, אַז וויבאַלד די מענשען זענען געבליבען, וועט אין אַ קורצער צייט ווידער אויפֿגעבויט ווערען אַ גרויסע שטאָט מיט הייזער, מיט פּאַלאַצען, מיט פֿאַבריקען, מיט מוזעען און אַז. וו., מיט איין וואָרט, עס וועט ווידער בעשאַפֿען ווערען די זעלביגע „קולטור", ווי זי איז געווען ביז איצט, און אפשר נאָך אין אַ רייכערער און שענערער פֿאָרם.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלען דעם זעלביגען ביישפּיל פערקעהרט: אָנשטאָט דעם, וואָס די „קולטור" איז פערניכטעט געוואָרען, זענען די מענשען פערניכטעט געוואָרען. שטעלט זיך פאָר, אַז אויף אַ גרויסער און רייכער שטאָט זענען אָנגעפאַלען באַנדעס ווילדע מענשען, זיי האָבען אויסגעקוילעט אַלע איינוואוינער און בעזעצט זיך אויף זייער אָרט. די גאַנצע „קולטור" איז געבליבען, נור די מענשען, וועלכע האָבען זי בעשאַפען, זענען פערניכטעט געוואָרען, און אַנדערע ווילדע מענשען האָבען פערנומען זייער אָרט. וואָס וועט דעמאָלט זיין דער רעזולטאַט?

עס פערשטעהט זיך, אַז ווייבאַלד די מענשען זענען פערניכטעט געוואָרען, וועט אין אַ קורצער צייט פון דער גאַנצער „קולטור" ווערען אַ תל. די ווילדע ווייסען נישט ווי צו בענוצען זיך מיט דער מאַשינעריי, וואָס איז גאַנץ געבליבען. אַלע מאַשינען וועלען אין אַ קורצער צייט פערראָסטעט און צובראָכען ווערען. די טראַמווייען וועלען נישט געהן, די עלעקטרישע לאָמפען וועלען נישט ברענען, די טעלעפאָנען וועלען נישט קלינגען, די מוזעען און ביבליאָטעקען וועלען פערוואַנדעלט ווערען אין שטאַלען, און אַזוי וועט אין אַ קורצער צייט קיין זכר נישט בלייבען כמעט פון דער גאַנצער „קולטור".

מיר זעהען, אלזאָ, אַז דאָרטען, וואו עס ווערט פערניכטעט די „קולטור" און די מענשען בלייבען, ווערט אינגיכען ווידער בעשאַפען די זעלבינע „קולטור". פערקעהרט, דאָרטען, וואו די מענשען ווערען פערניכטעט און די „קולטור" בלייבט, מוז אויך די „קולטור" פערניכטעט ווערען.

וואָס בעווייזט אונז אָט דער ביישפּיל?

ער בעווייזט אונז, אַז קולטור ליגט נישט אין די זאַכען, נור אין די מענשען. „קולטור" איז די פעהיגקייט פון מענשען צו בעשאַפען פערשידענסטע זאַכען, וואָס דינען צו בעפרידיגען מענשליכע בעדערפנישען, ווי מאַטעריעלע אַזוי גייסטיגע. קולטור איז קודם כל פערשטאַנד, בילדונג, אויפקלערונג. וואָס

מעהר אין אַ פֿאָלק איז פֿערשפּרייט בילדונג און אויפֿקלערונג, וואָס העכער און ענטוויקעלטער עס שטעהט דער מענשליכער גייסט, אַלץ העכער איז די קולטור. וואָס וועניגער בילדונג און אויפֿקלערונג, אַלץ נידעריגער איז דאָ קולטור.

קולטור — דאָס איז דער זיג פֿון מענשליכען גייסט איבער די בלינדע כחות פֿון דער נאַטור, דער וואוקס פֿון מענשליכען בעוואוסטזיין, די פֿערשטאַרקונג פֿון דעם פֿרייען „איך וויל" געגען דעם פֿערבינדענדיגען „דו מוזט". אָט דעריבער איז די קולטור אַזוי טייער דער מענשהייט, און דעריבער איז זי אַלע מאָל דער העכסטער אידעאַל פֿון יעדער מענשליכער געזעלשאַפֿט.

דאָס פּראָבלעם וועגען דער קולטור, וועגען איהר וויטערען וואוקס און ענטוויקלונג, איז אַלע מאָל געווען איינס פֿון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פֿון מענשליכען לעבען; בעזונדערס אָבער איז דאָס דאָזיגע פּראָבלעם געוואָרען וויכטיג אין היינטיגער צייט. ווייל אין היינטיגער צייט זענען מיר דערגאַנגען צו אַזאַ צושטאַנד, ווען די גאַנצע עקזיסטענץ פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט מיט איהר גאַנצער קולטור וואַקעלט זיך, און עס איז מעגליך, אַז זי זאָל אינגאַנצען אונטערגעהן.

און אָט אין פּראָבלעם פֿון קולטור ליגט די פֿראַגע וועגען סאָציאַליזם.

.2

קולטור און אַרבייט.

אין וואָס בעשטעהען די פּראָבלעמען פֿון דער מענשליכער קולטור? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דער סאָציאַליזם צו זיי?

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז קולטור הייסט גייסטיגע ענטוויקלונג, בילדונג, אויפֿקלערונג. ווי אַזוי זשע איז מעגליך קולטור? וואָס איז דער באָדען, אויף וועלכען זי קען זיך ענטוויקלען?

2*

עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז קולטור איז מעגליך נאָר אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען. ווען מענשען וואָלטען נישט געלעבט אין געזעלשאַפֿטען, ווען זיי וואָלטען זיין דעם גאַנצען לעבען אָבגעזונדערט איינע פֿון די אַנדערע, וואָלטען זיי ענטוועדער נישט געקענט עקזיסטירען אָדער זיי וואָלטען שטענדיג פֿערבליבען ווילדע חיות. נור דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען, נור דער שטענדיגער פֿערקעהר צווישען מענשען, האָט געמאַכט מעגליך, עס זאָל זיך ענטוויקלען די שפּראַך, און די ענטוויקלונג פֿון דער שפּראַך פֿיהרט צו דער ענטוויקלונג פֿון געדאַנק. אָהן שפּראַך און אָהן געדאַנק קענען זיך נישט ענטוויקלען קיינע שעפֿעריש פֿעהיגקייטען, און אָהן אַזעלכע פֿעהיגקייטען איז אונמעגליך וועלכע ס'איז קולטור.

קולטור איז, אַלזאָ, אַ רעזולטאַט פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען. נור דאָ שטעלט זיך אַזאַ פֿראַגע: מענשען לעבען אין געזעלשאַפֿטען און אויך פֿערשידענע חיות לעבען אין געזעלשאַפֿטען. בינען, מוראַשקעס, ביבערס, בופֿלאַקסען און אַזוי ווייטער לעבען שטענדיג אין געזעלשאַפֿטען, מיט געוויסע געזעלשאַפֿטליכע איינאָרדנונגען, מיט זיטען, מיט מדות, כמעט אַזוי ווי די מענשליכע געזעלשאַפֿטען. פֿאַר וואָס זשע איז צו קולטור מסוגל בלויז אַ מענשליכע געזעלשאַפֿט און נישט וועלכע עס איז געזעלשאַפֿט פֿון חיות? פֿאַר וואָס קענען בינען אָדער מוראַשקעס נישט בעשאַפֿען קיין קולטור?

און אַז חיות זענען נישט מסוגל צו קולטור, קען מען זעהן פֿון דעם פֿאָלגענדען פֿאַקט. דער כאַראַקטעריסטישער סמן פֿון קולטור איז דאָס, וואָס זי שטעהט קיין מאָל נישט אויף איין אָרט, נור זי בייט זיך און ענטוויקעלט זיך כסדר פֿון נידעריגערע שטופֿען צו העכערע: די מענשליכע געזעלשאַפֿט פֿון היינטיגער צייט, די זעלבע געזעלשאַפֿט מיט הונדערט יאָהר צוריק און די זעלבע געזעלשאַפֿט מיט טויזענד יאָהר צוריק שטעלט מיט זיך פֿאָר דריי בעזונדערע פֿערשידענאַרטיגע שטופֿען פֿון קולטור. דאָס איז אָבער בלויז ביי

מענשען. ביי חיות איז אנדערש. די בינען פון היינטיגער צייט און די בינען מיט הונדערטער און מיט מויזענדער יאָהרען צוריק האָבען שטענדיג געלעבט אין די זעלביגע פאָרמען, פראָדוצירט דעם זעלביגען האָניג און געמאַכט די זעלביגע קעמערלעך פון וואַקס. קיין שום ענדערונגען קומען אין זייער לעבען נישט פאָר, און דאָס הייסט, אַז זיי האָבען נישט קיין קולטור.

פאַר וואָס זשע איז צו קולטור מסוגל בלויז אַ געזעלשאַפט פון מענשען און נישט אַ געזעלשאַפט פון חיות?

דער תירוץ איז, ווייל צווישען מענשען און חיות ליגט זעהר אַ גרויסער אונטערשיד. אי מענשען, אי חיות, אלס לעבעדיגע בע־שעפענישען, דאַרפען בעקומען פון דער נאַטור מיטלען, מיט וואָס אויפצוהאַלטען דאָס לעבען. נור דער גרויסער אונטערשיד צווישען מענשען און חיות ליגט אין דעם, וואָס חיות פערברויכען די מיט־לען, וואָס זיי בעקומען פון דער נאַטור רויהערהייד; פער־קעהרט, מענשען אַרבייטען די דאָזיגע מיטלען איבער און גיבען זיי צו אַ נייע פאָרם און געשטאַלט.

אַ חיה, וואָס ערנעהרט זיך מיט פלייש, עסט אַלע מאָל דאָס פלייש רויהערהייד, זי קען עס נישט זאַלצען, נישט בראָטען, נישט קאָכען און קען איהם נישט צוגעבען קיין אַנדער טעם. אַ חיה קען זיך נישט מאַכען קיין קליידער, קיין מעבעל און קען בכלל נישט אומבייטען די אַרט און וויזע פון איהר לעבען. פערקעהרט, דער מענש אַרבייט איבער די מיטלען, וואָס ער בעקומט פון דער נאַ־טור, און גיט זיי כסדר צו אַנ'אַנדער פאָרם מיט אַנ'אַנדער אינ־האַלט. ער בעשאַפט כסדר נייע זאַכען. פון קערנער ווערט ביי איהם געבעקס, פון וואָל מאַכט ער אַ מאַנטעל, פון אַ בוים ווערט ביי איהם אַ טיש, אַ בעט א. אַז. וו. מיט איין וואָרט, דער מענש אַרבייט איבער די נאַטור, ער גיט איהר כסדר צו נייע פאָרמען און גע־שטאַלטען, און דאָס איז דער באָדען, אויף וועלכען עס ענטוויקעלט זיך די קולטור. וואָס מעהר דער מענש איז פעהיג איבערצואַרביי־טען די מיטלען, וואָס ער בעקומט פון דער נאַטור, אלץ העכער

איז די קולטור; פערקעהרט, וואָס וועניגער דער מענש איז דערצו פעהיג, אַלץ נידריגער איז די קולטור

קולטור איז, אַלזאָ, גייסטיגע ענטוויקלונג, בילדונג, אויפקלערונג, און דער באָדען פון קולטור איז די צילבעוואוסטע אַרבייט, די איבעראַרבייטונג פון די מיטלען, וואָס בעקומען זיך פון דער נאַטור, די פּראָדוקציע.

וואָס זשע פאַר אַ שלוס דאַרפען מיר מאַכען פון אָט דעם פאַקט?

דער שלוס איז דער, אַז די אַרבייטער שיכטען פון דער געזעלשאַפט, די, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט פּראָדוקציע,— זיי זענען דער באָדען פון קולטור, צוליב זיי איז די קולטור מעגליך, און אויף אַזאַ אופן זענען זיי די טרעגער, די אויסדריקער און די פאָרשטעהער פון קולטור.

איז דאָס ריכטיג אַזוי? זענען די אַרבייטענדיגע שיכטען טאַקי די אויסדריקער און די פאָרשטעהער פון קולטור?

עס איז גענוג צו וואַרפען אַ בליק אַרום זיך און אין דער געשיכטע, כדי איינצוזעהן, אַז די זאַך איז נישט אַזוי. די גאַנצע צייט זינט די מענשליכע געשיכטע האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז אַרבייט אין קולטור נישט פעראייניגט, נור זיי שטעלען מיט זיך פאָר צוויי געגענזאַצען: פון איין זייט אַ קליין הייפעלע מענשען, וועלכע אַרבייטען נישט, טהון נישט אַריין קיין פינגער אין קאַלטע וואַסער, און זיי זענען די טרעגער און די פאָרשטעהער פון קולטור, און פון דער צווייטער זייט מיליאָנען-מיליאָנען מענשען, וועלכע פראַצעווען מיט ביטערען שוויס, אַרבייטען-איבער אַלע מיטלען, וואָס בעקומען זיך פון דער נאַטור, און זיי האָבען וועניג שייכות צו קולטור, זיי זענען אויפ'ן שוואַכסטען אופן די פאָרשטעהער פון בילדונג און אויפקלערונג.

די גאַנצע געשיכטע פון די אַרבייטענדיגע שיכטען איז אייגענטליך די געשיכטע פון שקלאַפעריי. אין אַלטערטום איז דער אַרבייטער געווען אַ „רייד ענדיגער אינסטרומענט", וועלכען מען פלעגט

קויפֿען, פֿערקויפֿען און בעהאַנדלען אויף דעם ברוטאַלסטען אופן.
אין מיטעלען אַלטער איז דער אַרבייטער געווען אַ פּאַנזשציזניק, וועלכער האָט געהערט צום פּריץ און פֿלעגט בעהאַנדעלט ווערען ווי דער „ריידענדיגער אינסטרומענט" פֿון אַלטערטום. אין היינטיגער צייט איז דער אַרבייטער אַ „לוין-שקלאַף" און אין פֿיעל פּרטים איז זיין לעבען ווייט נישט פֿערבעסערט געוואָרען.

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז די גאַנצע געשיכטע פֿון דער מענש-הייט שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מאָדנעם ווידערשפּרוך. קולטור איז בילדונג און אויפֿקלערונג, דער באָדען פֿון קולטור איז די אַרבייט, און אין דער זעלבער צייט איז אַרבייט און קולטור אַזוי אָבגעזונדערט איינע פֿון די אַנדערע, אַז די אַרבייטענדיגע שיכטען, וועלכע דאַרפֿען זיין די טרעגער און די אויסדריקער פֿון קולטור, זענען אין דער ווירקליכקייט די טרעגער און אויסדריקער פֿון שקלאַפֿעריי, וועלכע איז שטענדיג אַ געגענזאַץ צו קולטור...

און וואָס איז דער רעזולטאַט פֿון דעם דאָזיגען היסטאָרישען ווידערשפּרוך?

דער רעזולטאַט איז דער, וואָס אונזער שטעלצירען מיר מיט דער פּראַכט און מיט'ן גלאַנץ פֿון אונזער קולטור. אין דער ווירק-ליכקייט איז נאָך אין היינטיגער צייט דאָ אַזוי ווייניג קולטור, אַז די מענשהייט, אַלס אַ גאַנצע, שטעהט נאָך עד היום אויף דעם שוועל פֿון באַרבאַריי און איז נעהנטער צו ווילדקייט איידער צו ווירקלי-כער ציוויליזאַציע.

און אין דער אמת'ען, נעהמט וועלכע ס'איז פֿון די קולטו-רעלסטע נאַציעס פֿון היינטיגער צייט, קוקט זיך צו צום לעבען פֿון איהרע פֿאָלקס-מאַסען, און דאַן וועט איהר זעהן, ווי ווייט מיר שטעהען נאָך פֿון אַ ווירקליכען קולטורעלען צושטאַנד.

פֿראַנקרייך, איינס פֿון די ציוויליזירטסטע לענדער פֿון היינטי-גער צייט, שטעלט מיט זיך פֿאָר לויט דער סטאַטיסטיק פֿון די לעצטע יאָהרען אַזאַ בילד:

די בעפֿעלקערונג פֿון פֿראַנקרייך איז אין יאָהר 1906 בע-

שטאַנען פון ניין און דרייסיג מיליאָן, הונדערט טויזענד מענשען.
די צאָהל פון די אביונים און קבצנים, וועלכע האָבען נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבען און האָבען געדאַרפט אָנקומען צו פרעמדער הילף איז אין יענעם יאָהר דערגאַנגען ביז 4 מיליאָן. און דאָס איז נישט געווען קיין קריזיס-יאָהר. דאָס יאָהר 1906 איז געווען אין פראַנקרייך אַ יאָהר פון „וואוילשטאַנד".
אין אָט דעם יאָהר פון אינדוסטריעלער אויפבליהונג האָבען איין מיליאָן 440 טויזענד מענשען, פראַנצויזישע בירגער, געלעבט פון דעם, וואָס די בעלי-רחמנים פון די צדקה-חברות פלעגען זיי אַרויסוואַרפען. לויט די בעריכטען פון די צדקה-אַנשטאַלטען, האָבען אָט די הונדערטער טויזענדער מענשען מעהרסטענטיילס נישט געהאַט קיין וואוינונגען און אין די קאַלטע און נאַסע ווינטער-נעכט פלעגען זיי נעכטיגען אין גאַס אָדער אין וויסטע פערלאָזענע חורבות. 290 טויזענד פון זיי זענען געווען פערשריבען ביי דער פאָליציי אַלס פראָפעסיאָנעלע בעטלער און שנאָרער. 60 טויזענד מענשען זענען געזעסען אין די טורמעס אַלס פראָפעסיאָנעלע גנבים און רויבער.
מעהר ווי הונדערט טויזענד מוטערס—אלמנות, וועלכע האָבען נישט געהאַט מיט וואָס צו ערנעהרען זייערע קליינינקע יתומים'לעך, האָבען זיך געווענדעט נאָך שטיצע. קיין שטיצע האָבען זיי אָבער אין יענעם יאָהר נישט בעקומען, ווייל עס איז געווען נאָך אַ גרעסערע צאָהל מענשען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אַן ערגערער לאַגע.
מעהר ווי 200 טויזענד יונגע מיידלעך זענען אין פראַנקרייך געצוואונגען צו זיין פראָסטיטוטקעס און לעבען פון שאַנד. זיי שנאָרען אַרום גאַנצע נעכט איבער די גאַסען, פערקויפען זיך פאַר אַ שטיקעל ברויט און פערשפרייטען די שעדליכסטע ווענערישע קראַנקהייטען. איינינע סטאַטיסטיקער האָבען אויסגעוויזען, אַז בלויז 20 פראָצענט פון דער מענליכער בעפעלקערונג אין פראַנקרייך האָבען נישט געליטען פון ווענערישע קראַנקהייטען. דאָס הייסט, אַז

צווישען יעדע הונדערט רעדוואַקסענע מענער זענען גאַנצע 80 גע־
וועזן קראַנק אויף פערשידענע פאָרמען פון סיפיליס.

דאָס איז דאָס לעבען פון די פאָלקס־מאַסען אין איינער פון
די רייכסטע מדינות פון היינטיגער צייט. ווי זשע איז דער קולטו־
רעלער צושטאַנד פון די דאָזיגע פאָלקס־מאַסען?

מיר וועלען נעהמען דעם קולטורעלען צושטאַנד פון די מענ־
שען אין די מ י ט ע ל ע יאָהרען, פון די ווירקליכע בירגער, וועלכע
האָבען מיט זייער שטימע אַ דעה אין לאַנד. אין די יאָהרען 1886—
1890 זענען אין פראַנקרייך פאָרגעקומען איין מיליאָן 379 טויזענד
חתונות. ביים אַרויסנעהמען די ערלויבנישען צו אָט די חתונות
האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז 142 טויזענד 906 חתנים און 222 טוי־
זענד 653 כלות האָבען נישט געקענט אונטערשרייבען זייער נאָמען.

עס פערשטעהט זיך, אַז פאַר די דאָזיגע מענשען זענען נישט
נויטיג קיינע ביבליאָטעקען און לעזע־צימערן. זייער צייט־פערטרייב
איז על־פי־רוב אין די שענקען. דורכשניטליך ווערט אין פראַנקרייך
אויסגעטרונקען אין אַ יאָהר צייט ווין, ביר און שפירט 340 מיליאָן
עמער. ריינער אַלקאָהאָל ווערט איינגעשלונגען 42 מיליאָן 900 טוי־
זענד עמער.

אַזוי איז אין פראַנקרייך, אַזוי איז אויך אין אַלע אַנדערע
„ציוויליזירטע" לענדער. די גרויסע פאָלקסמאַסען, די אַרבייטענדיגע
שיכטען, וועלכע זענען דער באָדען פון קולטור און צוליב וועלכע
די קולטור איז מעגליך, זענען אין דער ווירקליכקייט וויייט פון קול־
טור און לעבען אין פינסטערניש און באַרבאַריי. און טאַקי צוליב
דעם איז די גאַנצע מענשליכע קולטור נאָך אַזוי שוואַך און אַזוי
ווייניג.

וואָס זשע, אַלזאָ, איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון דער מענש־
ליכער קולטור?

דאָס הויפּט־פּראָבלעם בעשטעהט אין דער פראַגע: צי איז
מעגליך אָבצושאַפען אָט דעם היסטאָרישען ווידערשפּרוך פון קולטור
און אַרבייט? איז מעגליך, אַז טאַקי די פאָלקסמאַסע, טאַקי די

אַרבייטענדיגע שיכטען, זאָלען זיין די ווירקליכע טרעגער און אויס־דריקער פון קולטור? איז מעגליך, אַז פון דער קולטור זאָל געניסען די גאַנצע מענשהייט און נישט בלויז איין הייפעלע?

(אָט אין דעם פּראָבלעם ליגט די פראַגע וועגען סאָציאַליזם).

3.

קולטור און שקלאַפעריי.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז די גאַנצע מענשליכע געשיכטע שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאָדנעם ווידערשפרוך. דער העכסטער אי־דעאַל פון יעדער מענשליכער געזעלשאַפט איז קולטור. „קולטור" איז גייסטיגע ענטוויקלונג, בילדונג, אויפקלערונג, און דער באָדען פון קולטור איז די אַרבייט, די פּראָדוקציע. דערפון איז נאַטיר־ליך, אַז די פּראָדוצירענדיגע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט, די אַרבייטענדיגע קלאַסען, דאַרפען זיין די טרעגער און די אויסדריקער פון קולטור. אין דער ווירקליכקייט איז אָבער נישט אַזוי, די טרע־גער און אויסדריקער פון קולטור זענען אַלע מאָל אַ קליין הייפעלע מענשען, וועלכע האָבען נישט צו טהון מיט פּראָדוקציע און ווייסען נישט פון קיין אַרבייט. פערקעהרט, די גרויסע אַרבייטער־מאַסען האָבען נישט קיין שייכות צו קולטור. אין דעם משך פון דער גאַנצער געשיכטע געפינען זיי זיך אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם פון שקלאַפעריי און זענען די פאָרשטעהער פון אונוויסענהייט און באַרבאַריי. עס שטעלט זיך דעריבער די פראַגע: איז מעגליך אָבצושאַפען דעם דאָזיגען ווידערשפרוך? איז מעגליך, אַז אַרבייט און קולטור זאָלען זיך פעראייניגען?

כדי צו געבען אַ ריכטיגען ענטפער אויף אָט דער פראַגע, מוזען מיר קודם כל זעהן, פון וואַנען נעהמט זיך דער ווידערשפרוך. צי איז די שקלאַפעריי פון די אַרבייטענדיגע מאַסען אַ נויטווענדיג־קייט אָדער נישט?

אונז קען דאַכטען, אַז אַזאַ פֿראַגע איז איבעריג. עס פֿער־שטעהט זיך, אַז די שקלאַפֿעריי פֿון די אַרבייטענדיגע שיכטען איז זעהר נויטיג פֿאַר דעם הייפֿעלע רייכע לעדיג־געהער, ווייל אָט די שקלאַפֿעריי מאַכט פֿאַר זיי מעגליך צו לעבען אין דעם גרעסטען לוקסוס און וואויל־טאָג. ווי קען אָבער זיין נויטיג אַזאַ אונגערעכ־טיגקייט פֿאַר'ן פֿאָלק, פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט בכלל?

דאַכט זיך, אַז דאָס איז ריכטיג. פֿון דעסטוועגען, ווי קומט עס, אַז אין אַלטערטום, אין די צייטען פֿון דער גרויזאַמסטער שקלאַפֿעריי, האָט זיך נישט געפֿונען קיין דענקער, קיין פֿילאָזאָף און קיין מאָראַל־פּרעדיגער, וועלכער זאָל אַרויסטרעטען געגען שקלאַ־פֿעריי? פֿערקעהרט, די גרעסטע און בעסטע מענשען פֿון אַלטער־טום האָבען געהאַלטען, אַז אָהן שקלאַפֿעריי קען מען זיך נישט בעגעהן.

דער גרעסטער דענקער פֿון אַלטערטום, אַריסטאָטעל, האָט זיך אָפֿען אויסגעדריקט, אַז „שקלאַפֿעריי איז אַ נויטיגע און גערעכ־טיגע זאַך". בײַ דער מיינונג האָבען זיך אויך געהאַלטען אַלע אַנ־דערע פֿילאָזאָפֿען פֿון יענער צייט. איינער פֿון די חכמי התלמוד, ר' יהודה, זאָגט „כל המשחר את עבדו עובר בעשה", „דער וואָס בעפֿרייט זיין שקלאַף בעגעהט אַ פֿערברעכען". אפילו דער ערשטער אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט פֿון אַלטערטום, דער גרויסער פֿי־לאָזאָף פּלאַטאָן, וועלכער איז אַרויסגעטרעטען געגען פּריוואַט־איי־גענטום און האָט געשטרעבט איינצופֿיהרען אַ סאָציאַליסטישע אָרד־נונג, „מלוכה פֿון פֿילאָזאָפֿען", האָט זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלען די דאָזיגע גליקליכע מלוכה אָהן שקלאַפֿען.

אויף דעם זעלבען שטאַנדפּונקט זענען אויך געשטאַנען אַלע רעליגיאָנס־לעהרער און מאָראַל־פּרעדיגער פֿון אַלטערטום, נישט אין תורת משה, נישט אין דעם קריסטליכען עוואַנגעליום און נישט אין קיין אַנדערער העכסט מאָראַלישער רעליגיע, קענט איהר נישט גע־פֿינען קיין איין שאַרפֿען פּראָטעסט געגען שקלאַפֿעריי און קיין פֿאָדערונג זי אָבצושאַפֿען. אין בעסטען פֿאַל פּרעדיגען זיי צו

בעגעהן זיך מיט שקלאַפֿען עטוואָס מילדער און מענשליכער.

פֿאַר וואָס איז דאָס אַזוי? פֿאַר וואָס האָבען די בעסטע מענשען פֿון אַלטערטום קיינמאָל נישט פּראָטעסטירט געגען שקלאַפֿעריי?

דאָס איז דערפֿאַר, ווייל אין די אינטערעסען פֿון קולטור, וועלכע איז דער מענשהייט אַלע מאָל געווען זעהר טייער, האָט די שקלאַפֿעריי אין יענער צייט געמוזט עקזיסטירען און אָהן איהר האָט מען זיך נישט געקענט בעגעהן.

די קולטור איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס זי ענטוויקעלט ביי די מענשען אַלץ מעהר און מעהר בעדערפֿנישען, ווי מאַטעריעלע אַזוי אויך גייסטיגע. און צו ערפֿילען אָט די אַלע בעדערפֿנישען, צו בעשאַפֿען אָט די אַלע זאַכען, וואָס דאָס קולטורעלע לעבען פֿאָדערט, איז נויטיג אָנצווענדען זעהר אַ גרויסע מאַסע מעכאַנישע קראַפֿט.

אין היינטיגע צייטען זענען דאָ טויזענדער און מיליאָנען מאַשינען, וועלכע ענטוויקלען אָט די מעכאַנישע קראַפֿט. אין אַמאָליגע צייטען, ווען קיין מאַשינען זענען נישט געווען, זענען דער איינציגער קוואַל פֿון מעכאַנישער קראַפֿט געווען די מענשליכע הענד. אין יעדען פלאַץ, וואו אין היינטיגער צייט ברויכט מען אַ מאַשין, האָט מען אַמאָליגע צייטען געמוזט ברויכען טויזענדער מענשליכע הענד.

דערמאָנט זיך די ערצעהלונג פֿון תנך, ווי אַזוי שלמה המלך האָט געבויט דעם בית-המקדש. דער בית-המקדש אין שלמה׳ס צייטען, אין פֿערגלייך מיט די גרויסע געביידעס פֿון היינטיגער צייט, איז געווען איינפֿאַך אַ שפּילצייג, און דאָך וואָס פֿאַר אַן׳אומגעהויערע צאָהל מענשען עס האָט זיך געפֿאָדערט איהם צו בויען! כדי צו בויען דעם בית-המקדש, האָט דאָס פֿאָלק געדאַרפֿט קודם כל צושטעלען צו שלמה המלך 150 טויזענד מענשען, וועלכע מען האָט אַוועקגעשיקט אין די בערג פֿון לבנון. 70 טויזענד מענשען האָבען געהאַקט דאָרטען שטיינער און 80 טויזענד מענשען האָבען געדאַרפֿט די שטיינער אַריבערשלעפּען אויף זיך קיין ירושלים. אויסער די

שטיינער האָט מען אויך געדאַרפֿט האָבען קלעצער. דאָס פֿאָלק האָט ווידער געדאַרפֿט צושטעלען נאָך 30 טויזענד מענשען, וועלכע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרען אין די וועלדער פֿון לבנון צו האַקען קלעצער און איבערצושלעפּען זיי אויף זיך קיין ירושלים!

אויף צו בעקומען דאָס בוי-מאַטעריאַל אַליין, בלויז די שטיינער און קלעצער, וועלכע האָבען זיך געפֿאָדערט פֿאַר דעם בית-המקדש, האָבען געמוזט אַרבייטען 180 טויזענד מענשען, און די אַרבייט האָט געדויערט זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד! אַזוי איז אויך פֿאָרגעקומען ביי די גרויסע געביידעס פֿון מצרים און אין אַלע ציוויליזירטע לענדער פֿון אַלטערטום. און דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פֿון דעם, וואָס מען האָט אין יענע צייטען נישט געהאַט קיין מאַשינען.

אַנשטאָט מאַשינען האָט מען געמוזט ברויכען מענשען. ווען אַ מענש ווערט אָבער געברויכט אַנשטאָט אַ מאַשין, ווערט ער אַליין פערוואַנדעלט אין אַ מאַשין. עס ווערען געברויכט בלויז זיינע הענד, זיין איינפֿאַכע מעכאַנישע קראַפֿט. פֿאַר זיין קאָפּ איז נישטאָ קיין שום אַרבייט, קיין שום איבונג. זיין אינטעלעקטועלע קראַפֿט ווערט פֿערטעמפּט, זיין גייסט ווערט ערנידעריגט און ער ווערט אַן איינפֿאַכע אַרבייטענדיגע בהמה. נישט די קולטור עקזיסטירט פֿאַר איהם, נור ער עקזיסטירט פֿאַר דער קולטור, ווי אַלע אַנדערע מיליאָנען פֿערד און אָקסען.

עס איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו זעהן, ווי אַזוי עס איז געוואָרען שקלאַפֿעריי; ווי אַזוי עס איז געווען מעגליך, אַז איין טייל מענשען זענען פֿערבליבען מענשען און האָבען ענטוויקעלט אַליך אַ העכערע קולטור, און דער אַנדערער טייל מענשען איז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַרבייטענדיגע בהמות, וואָס זייער לעבען האָט געהאַט אַ בעדייטונג נור אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל זיי זענען געווען נויטיג פֿאַר דער קולטור פֿון אַנדערע. דאָס איז איצט אָבער נישט אונזער טעמע. פֿאַר אונז איז געהען גענוג פֿעסטצושטעלען דעם פֿאַקט, אַז אין די אינטערעסען פֿון קולטור, וועלכע איז צו לע

מאָל דער העכסטער אידעאַל פון דער מענשהייט, האָט די שקלאַפע־
ריי אין אַמאָליגע צייטען געהאַט אַ געוויסע בערעכטיגונג.

ווי זשע איז אין היינטיגער צייט? איז די שקלאַפעריי פון די
אַרבייטער־מאַסען אויך היינט אַ נויטווענדיגע זאַך? פאָדערען אויך
היינט די אינטערעסען פון קולטור, אַז דער גרעסטער טייל מענ־
שען זאָלען זיין נישט מעהר ווי אַרבייטענדיגע בהמות?

מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט, אַז
אין היינטיגער צייט עקזיסטירען שוין טויזענדער און מיליאָנען מאַ־
שינען, וועלכע ענטוויקלען אַנ׳אונגעהויערע מעכאַנישע קראַפט. די
ענטוויקלונג פון מאַשינערי איז אין היינטיגער צייט שוין דערגאַנגען
ביז אַזאַ הויכער שטופע, דאָס עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ מעג־
ליכקייט, אַז מענשען זאָלען זיך בעפרייען פון דער שווערער פער־
טעמפּענדיגער פיזישער אַרבייט. פיעל סטאַטיסטיקער בעווייזען
דאָס פון יעדער פאַמיליע, וואָס בעשטעהט פון אַ פאָטער, מוטער
און דריי קינדער, איז גענוג, אַז בלויז דער פאָטער זאָל אַרבייטען
דריי־פיר שעה אַ טאָג, כדי צו פיהרען זעהר אַ שעניעם אַרט לע־
בען און ערפילען אַלע קולטורעלע בעדערפנישען פון היינטיגער
צייט.

און אָט די דריי־פיר שעה אַרבייט זענען אויך נישט איינ־
פאַכע מעכאַנישע אַרבייט, נור גיכער קאָפּ־אַרבייט. שלעפען,
ציהען, הויבען און אַזוי ווייטער — דאָס טוט די מאַשין, און די אַר־
בייט פון דעם מענשען בעשטעהט אין קאָנטראָלירען און רעגולירען
דעם גאַנג פון דער מאַשין. דאָס איז מעהר קאָפּ־אַרבייט, און ביי
אַזאַ אַרבייט מוזען זיך אַלץ מעהר ענטוויקלען די גייסטיגע פעהיג־
קייטען פון מענשען.

מיט איין וואָרט, די בעדינגונגען פון היינטיגען לעבען האָבען
געבראַכט דערצו, אַז די אַרבייטענדיגע מאַסען קענען זיך בעפרייען
פון דער פערטעמפּענדער מעכאַנישער אַרבייט. זיי קענען האָבען
פיעל פרייע צייט, פיהרען אַ שעהנעם קולטורעלען לעבען און ווע־
רען אַלץ מעהר געבילדעט און אינטעליגענט. אויף אַזאַ אופן איז

איצט געקומען די צייט, אַז די קולטור קען זיך פֿערשפּרייטען איבער דער גאַנצער מענשהייט און דער העכסטער אידעאַל פֿון דער מענש-ליכער געזעלשאַפֿט קען פֿערווירקליכט ווערען.

וואָס זשע איז אין דער ווירקליכקייט? האָבען די מאַשינען טאַקי בעפֿרייט די מענשען? קענען די אַרבייטענדיגע מאַסען פֿיהרען אַ לייכטערען לעבען און אַליין ווערען די פֿאָרשטעהער פֿון קולטור?

אין דער ווירקליכקייט האָט די גאַנצע ענטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער אינדוסטריע מיט דעם וואוקס פֿון מאַשינעריי געבראַכט בלויז דערצו, וואָס אַ קליין הייפֿעלע מענשען זענען געוואָרען אונ-געהויער רייכער אין פֿערגלייך מיט די רייכע מענשען פֿון אַמאָליגע צייטען; די לאַגע פֿון די פּראָדוצירענדיגע עלעמענטען איז אָבער במעט נישט פֿערבעסערט געוואָרען, די אַרבייטענדיגע מאַסען זענען פֿערבליבען אין דער זעלביגער אָרימקייט, אָבהענגיגקייט און שקלאַ-פֿעריי, ווי אַ מאָל.

מיר וועלען ברענגען בלויז איין ביישפּיל פֿון אונזער „גאָלדע-נעם לאַנד", פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק איז בעשטימט געוואָרען אַ רעגי-רונגס-קאָמיסיע אונטערצוזוכען דעם אייזען-טרעסט. די קאָמיסיע איז געזעסען אין וואַשינגטאָן און האָט אַרויסגערופֿען פֿערשידענע עדות, וועלכע האָבען געדאַרפֿט דערצעהלען וועגען דעם דאָזיגען טרעסט. צווישען די דאָזיגע עדות איז אויך געווען דער אייזען-מאַגנאַט קאַר-נעגי, וועלכער האָט מיט עטליכע יאָהר פֿריהער פֿערקויפֿט זיינע אייזען-פֿאַבריקען צו דעם דאָזיגען טרעסט.

אויף דער פֿראַגע: וויפֿיעל האָט איהם דער טרעסט אָבגע-צאָלט פֿאַר זיינע פֿאַבריקען? האָט ער געענטפֿערט, אַז ער האָט בעקומען 470 מיליאָן דאָלאַר, נור ער האָט געמאַכט אַ שלעכטען מסחר, ווייל ער האָט געקענט בעקומען פֿון טרעסט מיט 100 מיל-יאָן דאָלאַר מעהר, גאַנצע 570 מיליאָן.

און אויף דער פֿראַגע: ווי קען ער בעווייזען, אַז זיינע פֿאַב-ריקען זענען ווערט געווען מיט 100 מיליאָן דאָלאַר מעהר, האָט

ער געענטפֿערט, אַז קאַפּיטאַל ווערט אָבגעשאַצט לויט דעם פּראָ־פֿיט, וואָס ער ברענגט, און זיינע אייזען־פֿאַבריקען פֿלעגען מאַנכֿע יאָהרען ברענגען איהם ריינעם פּראָפֿיט נישט ווענינער פֿון 40 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

40 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר ריינעם פּראָפֿיט, 770 טויזענד דאָלאַר אַ וואָך, 110 טויזענד דאָלאַר אַ טאָג, פֿינפֿטהאַלבען טויזענד דאָלאַר יעדע שעה דורכ'ן טאָג און דורך דער נאַכֿט!

אַ יאָ, נישט קיין שלעכֿטע הכנסה? ווי־זשע זענען געווען די הכנסות פֿון די אַרבייטער אין יענע יאָהרען?

כמעט אין יענעם יאָהר ווען קאַרנעגי — ווי אייניגע אַנדערע מאַגנאַטען פֿון אַמעריקאַ — האָט געמאַכֿט אַזעלכֿע ריזיגע פּראָפֿי־טען, איז פֿאָרגעקומען אַנ'אונאָפֿיציעלע אונטערזוכֿונג וועגען די שכירות פֿון די אַרבייטער. אייניגע געזעלשאַפֿטען, וועלכֿע האָבען אונטערגענומען די ראַזיגע אונטערזוכֿונג, האָבען אַרויסגעשיקט פֿראַגע־ליסטען צו 3 מיליאָן 297 טויזענד 819 אַרבייטער, און צוויי מיליאָן 633 טויזענד 552 אַרבייטער האָבען געענטפֿערט אויף די פֿראַגע־ליסטען.

פֿון די ענטפֿערס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז 111 טויזענד 305 אַרבייטער האָבען געהאַט דורכֿשניטליכֿע שכירות פֿון 3 ביז 6 דאָ־לאַר אַ וואָך.

915 טויזענד 187 אַרבייטער האָבען געהאַט פֿון 6 ביז 10 דאָלאַר אַ וואָך.

860 טויזענד 50 אַרבייטער האָבען געהאַט פֿון 10 ביז 15 דאָלאַר אַ וואָך.

385 טויזענד 557 אַרבייטער האָבען געהאַט פֿון 15 ביז 20 דאָלאַר אַ וואָך.

און בלויז 157 טויזענד 557 אַרבייטער, ד. ה. ווענינער ווי 6 פּראָצענט פֿון אַלע מיליאָנען אויסגעפֿרעגטע אַרבייטער, האָבען געהאַט עטוואָס מעהר פֿון 20 דאָלאַר אַ וואָך.

אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון דעם פּראָגרעס פֿון דער

הײנטיגער געזעלשאַפֿט! אַמאָל האָבען עקזיסטירט עלענד און שקלאַפֿערײַ צוליעב דעם, ווײל די געזעלשאַפֿט איז געווען אָרים, מאַשינעריי האָט נישט עקזיסטירט און מענשען פֿלעגען געברויכט ווערען אַנשטאָט מאַשינען. אין הײנטיגע צײַטען איז די מאַשינערײ זעהר ענטוויקעלט, די געזעלשאַפֿט איז געוואָרען אונגעהויער רייך; דאָס גאַנצע רײכטום איז אָבער אַרײנגעפֿאַלען אין די הענד פֿון אַ קליין הײפֿעלע מאַגנאַטען, און די ברײטע אַרבײטער-מאַסען זענען ווידער פֿערבליבען אין דעם זעלבען עלענד און דער זעלביגער שקלאַפֿערײַ.

ווי אַזוי איז דאָס געווען מעגליך? און צי קען מען אַרויסגעהן פֿון אַזאַ צושטאַנד?

אָט דאָ קומען מיר צו דער פֿראַגע פֿון סאָציאַליזם.

4.

אַרבײַט און אייגענטום.

ס'איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען, אַז די שקלאַפֿערײַ פֿון די אַרבײטענדיגע מאַסען האָט זיך אין אַמאָליגע צײַטען געהאַלטען אויף אַ נאַטירליכען גרונד. די פּראָדוקציע פֿון דער געזעלשאַפֿט איז נאָך געווען ווייניג ענטוויקעלט, קיין מאַשינערײ האָט נאָך נישט עקזיסטירט, און דעריבער פֿלעגען מענשען געברויכט ווערען אַנשטאָט מאַשינען. פֿערקעהרט, די שקלאַפֿערײ פֿון הײנטיגער צײַט האָט נישט אונטער זיך קיין שום נאַטירליכען באָדען. די געזעלשאַפֿט איז געוואָרען זעהר רײַך, און די מאַשינערײ פֿון הײנטיגער צײַט האָט זיך ענטוויקעלט ביז צו אַזאַ שטופֿע, אַז זי קען באַפֿרײַען אַלע מענשען פֿון דער שווערער, פֿערטעמפּענדיגער מעכאַנישער אַרבײַט, און אַלע מענשען פֿון די ציוויליזירטע לענדער קענען ווערען פֿרײַ און קולטורעל.

פֿאַר וואָס־זשע איז אָט די מעגליכקייט ניט פֿערווירקליכט געוואָרען? וואָס איז דערפֿון די אורזאַכע?

די אורזאַכע איז די אוננאָרמאַלקייט פֿון דיזער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

דאָס עקאָנאָמישע לעבען פֿון יעדער מענשליכער געזעלשאַפֿט דריקט זיך אויס אין צוויי פֿאָרמען, וועלכע זענען אַלע מאָל ענג פֿערבונדען צווישען זיך: די פֿאָרמען פֿון פּראָדוקציע און די פֿאָרמען פֿון אייגענטום.

כדי מענשען זאָלען קענען עקזיסטירען, מוזען זיי בעקומען פֿון דער נאַטור פֿערשידענע זאַכען און איבעראַרבייטען זיי לויט דער פֿאָדערונג פֿון זייער געברויך, דאָס הייסט, זיי מוזען זיך בעשעפֿטיגען מיט פּראָדוקציע. און אַזוי ווי מענשען לעבען און פּראָדוצירען אַלע מאָל אין געזעלשאַפֿטען, דעריבער מוזען די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען אויף אַ געוויסען אופֿן פֿערטיילט ווערען צווישען די מיטגליעדער פֿון דער געזעלשאַפֿט. די פֿאָרמען פֿון אַרבייט הייסען אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע—די פּראָדוקציאָנס־פֿאָרמען; די פֿאָרמען פֿון דער פֿערטיילונג הייסען — די אייגענטומס־פֿאָרמען. פּראָדוקטען און אייגענטום זענען אַלע מאָל פֿערבונדען צווישען זיך, און יעדע מענשליכע געזעלשאַפֿט קען זיין נאָרמאַל נאָר דאַן, ווען די אייגענטומס־פֿאָרמען זענען צוגעפּאַסט צו די פּראָדוקציאָנס־פֿאָרמען.

לאָמיר זיך צוקוקען צו פֿאַקטען פֿון דער מענשליכער געשיכטע.

ווען מיר ווילען וויסען ווי אַזוי האָבען מענשען געלעבט אין די אַמאָליגע פֿאָרהיסטאָרישע צייטען, מוזען מיר פֿאָרשטעלען אַזעלכע מענשען, וועלכע ווייסען נאָך ניט פֿון קיין מאַשינעריי און פֿון קיינע קונציגע אַרבייטס־אינסטרומענטען. די איינציגע געצייג, מיט וועלכע זיי האָבען זיך געקענט בענוצען, איז געווען אַ פּשוט'ער פֿערשאַרפֿטער שטיקעל שטיין אָדער אַ שפּיציגער ביין. ניט פֿון ערד־אַרבייט און ניט פֿון פֿיהצוכט האָבען זיי נאָך ניט געוואוסט,

און בכלל זענען זיי געווען זעהר ווילד און אונוויסענד. הונגער און קעלט האָבען זיי אָבער געפיהלט, און דעריבער האָבען זיי אויך געמוזט פּראָדוצירען, כדי צו דערהאַלטען דעם לעבען.

ווי זשע זענען געווען די פאָרמען פון זייער פּראָדוקציע? ווי אַזוי פלעגען זיי אויסאַרבייטען מיטלען צו בעשיצען זיך פון קעלט?

כדי צו בעשיצען זיך פון קעלט, מוז מען טראָגען קליידער. און אַזוי ווי דער פאַרציימיגער מענש האָט נישט געקענט האָבען קיין קליידער נישט פון וואָל און נישט פון לייווענד, איז זיין איינ־ציגע קלייד געווען—אַ פעל פון אַ חיה אָדער בהמה. כדי אָבער צו האָבען די פעל, מוז מען די חיה הרג'ענען. ווי זשע פלעגט דער ווילדער מענש פון די פאָרהיסטאָרישע צייטען קענען הרג'ענען אַזאַ חיה, ווי אַ בער אָדער אַ וואָלף, וועמעס פעל ער האָט געדאַרפט האָבען? אין היינטיגע צייטען קען איין מענש אַרויסגעהן געגען אַ בער, מיט אַ גוטען ביקס אין האַנד קען ער דער'הרג'ענען דעם בער פון אַ ווייטער שטרעקע. דער פאַרציימיגער מענש, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין ביקס און האָט נאָך אפילו פון קיין פייל און בויגען נישט געוואוסט, האָט איינער אַליין, מיט אַ שטיין אָדער שטעקען, בשום אופן נישט געקענט אַרויסטרעטען געגען אַ בער. דעם בער האָט געקענט דער'הרג'ענען נור אַ גאַנצע גרופּע פון מענשען. די גאַנצע משפחה — 50 אָדער 100 מענשען — קלויבען זיך צו־זאַמען, רינגלען אַרום דעם אָרט, וואו דער בער ליגט, הויבען אויף אַ שרעקליכען טומעל און ליאַרעם, דערשרעקען דעם בער, טרייבען איהם אַרויס פון זיין גרוב, פערטרייבען איהם צווישען הויכע פעל־זען אָדער בוימער, קלעטערען אַרויף אין דער הויך און הויבען אָן צו האָגלען אויף איהם פון הויך מיט שטיינער און קלעצער, און אויף אַזאַ אופן פלעגען זיי דער'הרג'ענען דעם בער.

דאָס הרג'ענען דעם בער איז, אַלזאָ, געווען נישט קיין אינדי־ווידועלע אַרבייט, נור אַ געזעלשאַפטליכע, און אַזוי ווי אַזעלכע חיות פלעגט מען כסדר דאַרפען הרג'ענען אין אַ גרויסער צאָהל, ווייל מען האָט זיך גענויטיגט אין זייער פעל מעהר ווי אין היינטי־

גער צייט, — הייסט דאָס, אַז די גאַנצע קליידער־פּראָדוקציע פון די צמאָליגע צייטען איז געווען אַ געזעלשאַפטליכע.

די אַנדערע פאָרמען פון פּראָדוקציע זענען אויך געווען מעהר אָדער ווייניגער געזעלשאַפטליך. און וויל די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען פון יענער צייט זענען געווען געזעלשאַפטליך, זענען די אייגענטומס־פאָרמען אויך געווען געזעלשאַפטליך.

יעדערער, ווער עס האָט אַ שטיקעל ידיעה אין קולטור־געשיכטע, ווייס, אַז אין די ערשטע צייטען האָט מען נאָך פון פּריוואַט־אייגענטום — „שלי שלי ושלך שלך" — נישט געוואוסט, און אין דער אמת'ן האָט אין יענע צייטען געקענט איינער זאָגען, אַז דער בער געהערט צו איהם, ווען אַלע צוזאַמען האָבען איהם דער־הרג'עט? די פעל פון די דער'הרג'עטע חיות פלעגען געהערען צו דער גרופּע אין אַלגעמיין. און דער עלטערער פון דער גרופּע פלעגט שוין בעזאָרגען, אַז קיינער זאָל נישט אַרומגעהן אַ נאַקעטער.

אזוי איז געווען אין פאָרהיסטאָרישע צייטען. די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען זענען געווען געזעלשאַפטליך, די אייגענטומס־פאָרמען זע־נען אויך געווען געזעלשאַפטליך.

אין די שפּעטערדיגע דורות האָט זיך דאָס לעבען אומגעבי־טען. עס זענען איינגעפיהרט געוואָרען ערד־אַרבייט, פיהצוכט, אויך אַנדערע מלאכות ווי שניידעריי, שוסטעריי און אַזוי ווייטער. אַר־בייטס־אינסטרומענטען זענען נאָך געווען ווייניג ענטוויקעלט, קיין מאַשינעריי האָט נאָך נישט עקזיסטירט, און דעריבער האָט די אַר־בייט געקענט פאָרקומען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב און די פּראָ־דוקטען פלעגען אויסגעאַרבייט ווערען פון איינצעלנע מענשען אָדער פאַמיליען. יעדע פויערשע פאַמיליע האָט זיך איהר שטיקעל ערד, וועלכע זי בעאַרבייט און ציהט איהר יניקה. יעדער בעל־מלאכה איז אויך געווען פאַר־זיך און האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו די אַנ־דערע בעלי־מלאכות. דער שניידער זיצט ביי זיין טישעל מיט זיין שער און אייזען און אַרבייט אויף דעם גאַנצען ראָק; דער שוסטער זיצט ביי זיין ווערקשטאַט און אַרבייט אויס דעם גאַנצען שוך; דער

שלאָסער זיצט בעזונדער און אַרבייט אויס דעם גאַנצען שלאָס, און אַזוי ווייטער. די פּראָדוקציע איז אַלץ מעהר און מעהר געוואָרען אינדיווידועל, פּריוואַט.

און אויף וויפיעל די פּראָדוקציאָנס-פאָרמען זענען געוואָרען פּריוואַט, אויף אַזוי פיעל זענען די אייגענטומס-פאָרמען אויך געוואָרען פּריוואַט. און אַנדערש האָט נישט געקענט זיין. אויב איך האָב געהאָרעוועט אויף אַ געוויסער זאַך און אַליין איהר אויסגעאַרבייט, איז גאַנץ נאַטירליך, ווען איך קוק אויף איהר ווי אויף מיין אייגענטום און פּראָטעסטיר, ווען אַנ'אַנדער אָדער אַנדערע קומען און זאָגען, אַז די זאַך געהערט נישט צו מיר.

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז אין די פּאָרהיסטאָרישע צייטען, ווען די פּראָדוקציע איז געווען געזעלשאַפטליך, איז דאָס אייגענטום אויך געזעלשאַפטליך. אין די שפּעטערדיגע דורות, ווען די פּראָדוקציע איז געוואָרען פּריוואַט, איז דאָס אייגענטום אויך געוואָרען פּריוואַט. ווי זשע איז די לאַגע אין היינטיגער צייט? אין וועלכע בעציהונגען שטעהען די פּראָדוקציאָנס-פאָרמען צו די אייגענטומס-פאָרמען?

אין היינטיגער צייט איז די פּראָדוקציע ווידער געוואָרען געזעלשאַפטליך, דאָס אייגענטום איז נאָך אָבער אַלץ געבליבען פּריוואַט.

אַ דאַנק דער מורא'דיגער ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק ווערען יעדען טאָג גרויסגעלאָזען אונגעהויערע מאַסען פּראָדוקטען. אין דער אויסאַרביימונג פון יעדען פּראָדוקט בעזונדער נעהמען אָבער אַנ'אַנטייל זעהר פיעל הענד. אין די מאָדערנע פאַבריקען איז די אַרבייטס-טיילונג אַזוי ענטוויקעלט, אַז עס איז נישטאָ קיין איין פּראָדוקט, וועלכער זאָל בעשאַפען ווערען מיט די הענד נור פון איין מענשען. און נישט נור יעדע מלאכה איז צוטיילט אויף פיעל בעזונדערע צווייגען, נור כמעט אין יעדען פּראָדוקט ליגט די אַרבייט פון פיעל פערשידענע בעלי-מלאכות.

די פּראָדוקציע פון היינטיגער צייט איז ווידער געוואָרען געזעלשאַפטליך. צוליב דעם האָט דאָס אייגענטום אויך געדאַרפט ווערען געזעלשאַפטליך, די אייגענטום-פאָרמען פון היינטיגער צייט זע-

נען נאָך אָבער אַלץ צוגעפּאַסט צו די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען, וועל־כע האָבען עקזיסטירט מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, דאָס הייסט דאָס אייגענטום איז נאָך אַלץ געבליבען אינדיווידועל, פּריוואַט.

און ווייל די פּראָדוקציע איז געוואָרען געזעלשאַפטליך און דאָס אייגענטום איז נאָך אַלץ געבליבען פּריוואַט, — אַט דעריבער איז די היינטיגע געזעלשאַפט אוננאָרמאַל, און אַט די אוננאָר־מאַלקייט האָט געפיהרט צו דעם, וואָס די אַרבייטענדע שיכטען זע־נען פערבליבען אין עלענד און שקלאַפעריי, ניִשט קוקענדיג דערויף, וואָס דער באָדען פאַר שקלאַפעריי איז שוין לאַנג פערשוואונדען.

קיין אוננאָרמאַלער צושטאַנד קען אָבער קיין לאַנגע צייט ניִשט דויערן. יעדער אוננאָרמאַלער, קראַנקער קערפּער מוז ענט־ווערער אָבשטאַרבען אָדער ווערען געזונד און נאָרמאַל, און די זעל־ביגע זאַך איז אויך מיט דער מענשליכער געזעלשאַפט. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט בעווייזט, אַז בעת עס קומען אַזעלכע היסטאָרישע מאָמענטען, ווען די אייגענטומס־פאָרמען אין דער גע־זעלשאַפט הערען אויף זיך צוצופּאַסען צו די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען, דאַן קומט פאָר אַנ׳איבערקערעניש: ענטוועדער די גאַנצע געזעל־שאַפט מיט איהר גאַנצער קולטור געהט אונטער, אָדער עס קומט פאָר אַנ׳אומבייטונג און עס ווערען איינגעפיהרט נייע אייגענטומס־פאָרמען, וועלכע פּאַסען זיך צו צו די נייע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען.

וואָס זשע, אַלזאָ, איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון היינטיגער צייט?

דאָס הויפּט־פּראָבלעם בעשטעהט אין דעם, — ניִשט צו דער־לאָזען, אַז די מאָדערנע געזעלשאַפט מיט דער קולטור, וואָס איז ערוואָרבען געוואָרען דורך טויזענדער יאָהרען פון אונגעהויערע ליי־דען און יסורים, זאָל אונטערגעהן און פערניכטעט ווערען. דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון היינטיגער צייט בעשטעהט אין דער שטרע־בונג אָבצושאַפען די אוננאָרמאַלקייט פון דער היינטיגער אָרדנונג און מאַכען די געזעלשאַפט ווידער געזונד, שטאַרק און פעהיג צום וויטערען קאַמף געגען דער נאַטור.

װאָס ושע הײסט מאַכען די געזעלשאַפט נאָרמאַל?

דאָס הײסט—מאַכען, אַז די אײגענטומס־פאָרמען זאָלען זײן צוגעפּאַסט צו די נײע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען. די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען פון הײנטיגער צײט זענען װידער געװאָרען געזעלשאַפטליך, און דעריבער מוזען די אײגענטומס־פאָרמען אױך װערען געזעלשאַפטליך.

און מאַכען די אײגענטומס־פאָרמען געזעלשאַפטליך הײסט,—אײנפירען אַזאַ אָרדנונג, װאו אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און טראַנס־פּאָרט־מיטלען, װי די ערד, פאַבריקען, מאַשינערײ, אײזענבאַהנען, דאַמף־שיפען און אַזױ װײטער, זאָלען געהערען נישט צו אײנצעלנע פּריװאַטע מענשען, נאָר צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, צו דער מלוכה, און װען די מלוכה װערט פערװאַלטעט נישט פון אײנצעלנע מענשען, נאָר פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אױף רײן דעמאָקראַ־טישע יסודות, דאַן זענען די װירקליכע אײגענטימער פון אַלע פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען טאַקע אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, און דאַן קען שױן נישט זײן קײן באָדען פאַר עקספּלואַטאַציע און שקלאַפערײ.

אָט אַזאַ אָרדנונג, װאו די אײגענטומס־פאָרמען װעלען אױך װערען געזעלשאַפטליך, װי עס זענען געװאָרען די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען,— אָט דאָס איז דער סאָציאַליזם, די צוקינפטיגע סאָציאַליס־טישע אָרדנונג.

און דעריבער איז די פראַגע פון סאָציאַליזם — דאָס הױפּט־פּראָבלעם פון הײנטיגער צײט, װײל דאָס איז אַ פראַגע פון לעבען און טױט פאַר דער גאַנצער מאָדערנער געזעלשאַפט און פאַר דער גאַנצער מאָדערנער קולטור.

.5

די ראָלע פון׳ם אַרבײטער־קלאַס.

פון די אַלע אױספירונגען, װעלכע מיר האָבען געמאַכט װעגען

געגן די פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטליכן לעבען, זענען מיר גע-קומען צו דעם שלוס, אַז דאָס הויפּט-פּראָבלעם פון היינטיגער צייט איז די פראַגע פון סאָציאַליזם. אָהן דעם סאָציאַליזם וועט די גאַנצע געזעלשאַפט מוזען אונטערגעהן און פון דער גאַנצער קולטור וועט ווערען אַ תּל.

איז אָבער דער סאָציאַליזם אַ מעגליכע זאַך? קען ער טאַקע פערווירקליכט ווערען?

די סאָציאַליסטישע אידעע איז אייגענטליך נישט קיין נייעס אין דער מענשליכער היסטאָריע. אין פערלויף פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט שטויסען מיר זיך אָן, באַלד דאָ, באַלד דאָרטען, אויף פּאָליטישע לעהרען און געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען, וועלכע זענען מעהר אָדער וועניגער דורכגעדרונגען מיט׳ן סאָציאַ-ליסטישען אידעאַל, דאָס הייסט מיט אַ פּראָטעסט געגען פּריוואַט-אייגענטום און מיט אַ שטרעבונג איינצואָרדנען דאָס לעבען אויף קאָמוניסטישע יסודות. אָט די אַלע שטרעבונגען און בעוועגונגען האָבען אָבער שטענדיג זיך אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט און דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז אַלע מאָל פערבליבען נישט מעהר ווי אַ שענער חלום. מיט וואָס זשע קענען מיר זיין זיכער, אַז די מאָ-דערנע שטרעבונג צום סאָציאַליזם איז נישט קיין חלום און וועט מוזען פערווירקליכט ווערען?

דעם ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע קענען מיר געפינען, ווען מיר קוקען זיך צו נעהנטער צום כאַראַקטער פון דער סאָציאַ-ליסטישער בעוועגונג אַמאָל און היינט.

די סאָציאַליסטישע אידעען פון די אַמאָליגע צייטען זענען געווען נישט מעהר ווי איינפאַכע טרוימערייען פון איינצעלנע פערזאָנען אָדער פון קליינע גרופּען, וועלכע האָבען נישט געקענט האָבען קיין איינפלוס אויף דעם דאַמאָלסדיגען געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון די פריהעריגע צייטען — ווי מיר האָבען געזעהן אין פאָריגען קאַפּיטעל — האָט זיך נישט גע-נויטיגט אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. די פּראָדוקציע איז געווען

פּריװאַט, פֿעראײַנצעלט; יעדע אַרבּײטענדיגע פֿאַמיליע האָט פּראָדוצירט פֿאַר זיך אַלײן און איז געװען אין עקאָנאָמישער הינזיכט אַן אָבּגעזונדערט און זעלבּשטענדיג װעלט'ל. בּײ אַזאַ צײט איז דאָס פּריװאַט-אײגענטום זעהר נאַטירליך, און דעריבּער האָט נישט געקענט זײן קײן שום בּאָדען פֿאַר װעלכער נישט איז בּרײטער סאָציאַליסטישער בּעװעגונג.

אין הײנטיגער צײט, װען די פּראָדוקציע איז װידער געװאָרען געזעלשאַפֿטליך; װען אין דער אויסאַרבּײטונג פֿון יעדען פּראָדוקט מוז נעהמען אַנטײל אַ גאַנצע צאָהל מענשען פֿון פֿערשידענע פֿאַכען, און צוליבּ דעם זענען גרויסע גרופּען מענשען געװאָרען עקאָנאָמיש אָבּהענגיג אײנע פֿון די אַנדערע, — אין אָט דער צײט איז נישט נאָר פֿערשװאונדען דער נאַטירליכער בּאָדען פֿאַר פּריװאַט-אײגענטום, נאָר דאָס פּריװאַט-אײגענטום איז געװאָרען אַ שטערונג פֿאַר דער װײטערער ענטװיקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. דעריבּער איז די סאָציאַליסטישע בּעװעגונג פֿון הײנטיגער צײט נישט קײן חלום פֿון אײנצעלנע אידעאַליסטישע טרוימער, נאָר אַ בּעװעגונג, װעלכע האָט אַרומגעכאַפּט מיליאָנען, מיליאָנען מענשען און געהט אַלץ פֿאָרװערטס און פֿאָרװערטס.

װער זענען די מיליאָנען מענשען, װעלכע שטרעבּען צום סאָציאַליזם?

דאָס זענען די פּראָלעטאַריער, דער מאָדערנער אַרבּײטער-קלאַס, װעלכער שפּילט די גרעסטע ראָלע אין עקאָנאָמישען לעבּען פֿון דער הײנטיגער געזעלשאַפֿט. און אָט דער קלאַס טרעט אַרויס פֿאַר'ן סאָציאַליזם דערפֿאַר, װײל פֿאַר איהם איז דער סאָציאַליזם נישט בּלויז אַן אידעאַל פֿון מענשליכער בּעפֿרײאונג, נאָר טאַקע אַ בּרענענדיגער לעבּענס-אינטערעס, אַ דרינגענדיגע נויט פֿון טאָג-טעגליכען לעבּען.

און די אורזאַך דערפֿון איז פֿאָלגענדע:

די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, אין װעלכער מיר לעבּען, בּויט זיך אויף דעם פּרינציפּ פֿון „פֿרײער קאָנקורענץ“, דאָס הײסט: יעדער

מענש ווערט אַנערקענט ווי אַ סוחר, וועלכער מאַכט אַ לעבען פֿון
דעם, וואָס ער פֿערקויפֿט זיין סחורה, בעקומט פֿאַר איהר געלד,
און פֿאַר דאָס געלד קויפֿט ער זיך פֿערשידענע לעבענס-מיטלען.
אויב איינער האָט גאָרנישט צו פֿערקויפֿען, קען ער קיין געלד נישט
בעקומען, און אָהן געלד קען מען אין היינטיגע צייטען נישט לעבען.
אַ סוחר צו אַ סוחר איז אָבער נישט גלייך. פֿאַרהאַן אַזעלכע
„סוחרים", וועלכע האָבען נישט קיין אַנדער זאַך צו פֿערקויפֿען
אויסער זייער אַרבייטס-קראַפֿט. עס פֿערשטעהט זיך, אַז
יעדע סחורה קען האָבען אַ ווערט, דאס הייסט, מען קען פֿאַר
איהר בעקומען געלד נאר דאַן, ווען זי ברענגט אַ געוויסען נוצען.
די אַרבייטס-קראַפֿט אַלס אַ סחורה קען אויך האָבען אַ ווערט נאָר
דאַן, ווען זי ברענגט אַ געוויסען נוצען, דאָס הייסט, ווען דורך
איהר ווערען בעשאַפֿען אַנדערע זאַכען, וועלכע זענען נויטיג די
מענשען און וועלכע מען קען פֿערקויפֿען. וואָס זשע קען די אַרבייטס-
קראַפֿט בעשאַפֿען אַנדערע נוצליכע זאַכען? דאָס קען זי טאָן נאר
אין דעם פֿאַל, ווען זי איז פֿעראייניגט מיט אַן'אַנדער סאָרט
סחורה—מיט אַרבייטס-אינסטרומענטען, מיט געצייג, מאַ-
שינען און מיט פֿערשידענע אַנדערע אַרבייטס-מיטלען. אָהן די
אַרבייטס-אינסטרומענטען קען די אַרבייטס-קראַפֿט גאָרנישט אַרויס-
ברענגען, זי איז דאַן אוננוצליך און קען נישט האָבען קיין שום
„ווערט", ד. ה., מען קען פֿאַר איהר קיין געלד נישט בעקומען.
די אַרבייטס-קראַפֿט איז, אַלזאָ, זעהר אָבהענגיג פֿון די אַר-
בייטס-אינסטרומענטען אָדער, ריכטיגער געזאָגט, פֿון די פּראָדוק-
ציאָנס-מיטלען. אָבער גראָד די פּראָדוקציאָנס-מיטלען: די ערד,
פֿאַבריקען, מאַשינען א. אַז. וו., אָהן וועלכע די אַרבייטס-קראַפֿט
האָט נישט קיין „ווערט", געהערען נישט צו די פֿערקויפֿער פֿון
דער אַרבייטס-קראַפֿט, צו די אַרבייטער, נאָר צו איהרע קויפֿער,
צו די קאַפּיטאַליסטען. דערפֿון קומט אַרויס דער פֿאַקט, וואָס די
אַרבייטער, די פֿערקויפֿער פֿון דער אַרבייטס-קראַפֿט, זענען אַלע
מאָל אָבהענגיג פֿון די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זענען די אייגענטי-

מער פֿון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און זיי, די קאַפּיטאַליסטען, בע־
נוצען זיך מיט דער דאָזיגער אָבהענגיגקייט פֿון די אַרבייטער אין
בעצאָהלען זיי נישט דעם פֿולען ווערטה פֿאַר זייער סחורה. אַ גרוי־
סער טייל פֿון אָט דעם ווערטה בלייבט איבער ביי זיי אומזיסט,
זיי בעצאָהלען פֿאַר איהם קיין שום געלד נישט, און דערפֿון ווערען
זיי אונגעהויער רייך, אין דער צייט ווען די אַרבייטער פֿערבלייבען
תמיד אין עלענד און נויט.

ווער אָבער בעשאַפֿט די אַרבייטס־אינסטרומענטען און אַלע
פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע געהערען צו די קאַפּיטאַליסטען און
דורך וועלכע זיי האָבען די מעגליכקייט צו בעקומען אומזיסט אַ
גרויסען טייל פֿון דעם אַרבייטערס האָרעוואַניע? די אַלע זאַכען ווע־
רען בעשאַפֿען נישט פֿון די קאַפּיטאַליסטען, נאָר טאַקע פֿון די אַר־
בייטער גופֿא, פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק. אָט דעריבער איז דער
לעבענס־אינטערעס פֿון די אַרבייטער, אַז אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען
זאָלען געהערען נישט צו די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען זיי
נישט בעשאַפֿען, נאָר צו זייערע אמת׳ע בעשעפֿער, צו די אַרביי־
טער גופֿא, און דאָס הייסט—צום גאַנצען פֿאָלק.

און געהערען צום גאַנצען פֿאָלק קענען זיי אויף דעם זעל־
בען שטייגער ווי זיי זענען בעשאַפֿען געוואָרען. מיר האָבען שוין
געזעהן, אַז די פּראָדוקציע פֿון היינטיגער צייט קומט פֿאַר נישט
אויף אַנ׳אינדיווידועלען, נאָר אויף אַ געזעלשאַפֿטליכען שטיי־
גער, דאָס הייסט, יעדע פֿאַבריק, יעדע מאַשין, יעדער אייזענבאַהן
און אַזוי ווייטער, איז אַ פּראָדוקט פֿון דער געמיינשאַפֿטלי־
כער אַרבייט פֿון הונדערטער און טויזענדער מענשען, און דערי־
בער קען מען זיי נישט צעטיילען אויף גלייכע חלקים צווישען די
אַרבייטער, נאָר זיי דאַרפֿען געהערען צו אַלעמען אויך אויף אַ
געמיינשאַפֿטליכען שטייגער.

דער לעבענס־אינטערעס פֿון דעם אַרבייטער־קלאַס בעשטעהט,
אַלזאָ, אין דער שטרעבונג צו בעשאַפֿען אַ סאָציאַליסטישע
אָרדנונג, דאָס הייסט אַזאַ אָרדנונג, וואו אַלע פּראָדוקציאָנס־מיט־

לען, וועלכע ווערען בעשאַפֿען פֿון פֿאָלק, זאָלען נישט געהערען צו אַ הייפֿעלע קאַפּיטאַליסטען אַלס זייער פּריוואַט־אייגענטום, נאָר זאָלען געהערען צום גאַנצען פֿאָלק אַלס געמיינשאַפֿטליך אָדער סאָציאַליסטיש אייגענטום; נאָר אין אַזאַ אָרדנונג וועלען די אַרבייטער אויפֿהערען צו זיין אָבהענגיג פֿון די קויפֿער פֿון אַרבייטס־קראַפֿט און וועלען קענען בעקומען דעם פֿולען ווערטה פֿאַר זייער אַרבייט. זיי וועלען דאַן האָבען די מעגליכקייט צו פֿיהרען אַ זיכערען און שענערען לעבען און געניסען אַלע פֿרוכטען פֿון דער מאָדערנער קולטור.

די לעבענס־אינטערעסען פֿון אַרבייטער־קלאַס פֿאַלען זיך, אַלזאָ, צוזאַמען מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פֿון דער מענשהייט. און דעריבער איז די סאָציאַליסטישע בעוועגונג פֿון היינטיגער צייט נישט קיין טרוים פֿון איינצעלנע פֿאַנטאַזיאָרען, נאָר אַ בעוועגונג פֿון אַ גאַנצען קלאַס, און גראָד פֿון דעם קלאַס, וועלכער שפּיעלט די הויפּט־ראָלע אין דעם היינטיגען געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

קען אָבער דער אַרבייטער קלאַס פֿערווירקליכען זיין לעבענס־אינטערעס? קען ער זיעגען אין קאַמף פֿאַר'ן סאָציאַליזם?

ווען דער פּראָלעטאַריאַט, די אַלע מיליאָנען אַרבייטער וואָלטען געהאַט געגען זיך בלויז דאָס הייפֿעלע קאַפּיטאַליסטען־מאַגנאַטען, וועלכע האָבען קאָנצענטרירט אין זייערע הענד אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אַלע רייכטימער פֿון לאַנד, וואָלטען זיי שוין לאַנג גובר געווען און דער סאָציאַליזם וואָלט שוין געווען אַ ווירקליכער פֿאַקט. צווישען אָט די צוויי קעמפֿענדיגע קלאַסען שטעהט אָבער נאָך דער מיטעל־קלאַס „דאָס פֿאָלק", די צעהנדליגע מיליאָנען פּויערים, פֿערמערס, קליינע קרעמערלעך, האַנדווערקער א. אַז. וו. אָט דער קלאַס, וועלכער איז נאָך אַ רעשט, אַנ'איבערבלייבעכטס פֿון די אַלטע אָבגעלעבטע צייטען, ווען עס האָט נאָך געהערשט די קליינע פּראָדוקציע, ליידט זעהר פֿיעל פֿון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. די קליינע פֿערמערס, קרעמער און אַזוי ווייטער קענען נישט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ פֿון גרויסען קאַפּיטאַל און

ווערען אַלץ אָבהענגיגער און אָרימער. אין דערזעלבער צייט איז זיי אָבער שווער צו בעגרייפען דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. בעזיצענדיג נאָך פּריוואַט-אייגענטום: אַ פערם, אַ ווערקשטאַט, אַ קרעמעל א. ד. גל., קענען זיי נישט פערשטעהן, ווי קען מען זיין פריי און זעלבשטענדיג אָהן פּריוואַט-אייגענטום. און דעריבער איז זייער אידעאַל נישט פאָרווערטס, נישט צום סאָציאַליזם, נאָר צוריק, צו די „אַלטע גוטע צייטען"; ווען דער גרויסער קאַפּיטאַל האָט קיין שליטה נישט געהאַט און אומעטום האָט געהערשט די קליינע פּראָדוקציע מיט'ן קליינעם אייגענטום.

אַט צוליב דער רעאַקציאָנערער שטימונג פון „פאָלק", דאָס הייסט, פון מיטעל-קלאַס, וועלכער האַלט זיך שטאָל און אייזען פאַר'ן פּרינציפּ פון פּריוואַט-אייגענטום, געוועלטיגט נאָך דער גרויסער קאַפּיטאַל, וואָס איז דער לאָגישער שלוס פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ.

די בעדינגונגען פון לעבען מאַכען אָבער אַזוי, אַז דער קאַמף פון מיטעל-קלאַס געגען סאָציאַליזם און זיין שטיצע פון דער היינטיגער אָרדנונג ווערען אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט. אַ דאַנק דער שווערער קאָנקורענץ ווערען פיעל קליינע אייגענטימער פון יאָהר צו יאָהר אַלץ אָרימער, זיי פערלירען זייער אייגענטום און ווערען איינפאַכע פּראָלעטאַריער. און אַלס פּראָלעטאַריער האָבען זיי שוין דעם אינטערעס פון אַלע אַנדערע אַרבייטער און שליסען זיך איין אין זיינע קעמפענדיגע רייהען. די צאָהל פון די פּראָלעטאַריער ווערט אויף אַזאַ אופן גרעסער, די צאָהל פון מיטעל-קלאַס—קלענער. נאָר דאָס איז נישט די הויפּט-זאַך. די הויפּט-זאַך בעשטעהט אין דעם, וואָס מיט דעם שטענדיגען וואוקס פון דער גרויסער אינדוסטריע קומען פיעל קליינע אייגענטימער צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז אונמעגליך אומצוקערען צוריק די „אַלטע גוטע צייטען" פון קליינער פּראָדוקציע און קליינעם אייגענטום. די היינטיגע צייטען מיט דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלען, מיט דער ברוטאַלער הערשונג פון די טראַסטען און אַזוי ווייטער זענען נאָך אָבער ערגער. דאָס לעבען איז זעהר אונזיכער, לעבענס-מיטלען ווערען אַלץ טייערער, פּרנסת

איז ווייניג, — וואוהין זשע קערט מען זיך? אָט אויף דער פראגע שטעלען זיך אָב פיעל קליינע אייגענטימער און — נישט גלויבענדיג אין דער מעגליכקייט צו פערניכטען די גרויסע אינדוסטריע און אומצוקערען צוריק „די אלטע גוטע צייטען“ — הויבען זיי אָן צו קוקען מיט אנדערע אויגען אויף דער סאָציאליסטישער בעוועגונג פון פראָלעטאריאט.

וואס ברייטער עס פערשפרייט זיך די ארבייטער-בעוועגונג, וואס שטארקער עס ווערט די סאָציאליסטישע פארטיי, וואס אָנגע-זעהענער זי ווערט אין לעבען און וואס קענטיגער זי ווערט פאר די ברייטע מאסען פון פאָלק, אלץ מעהר צייגען זיך איבער די קליינע אייגענטימער, אז די סאָציאליסטישע פארטיי איז די איינציגע און ווירקליכע פערטיידיגערין נישט בלויז פון ארבייטער-קלאס, נאָר פון גאנצען אָרימען און עקספלואטירטען פאָלק. פיעל קליינע אייגענ-טימער פעראינטערעסירען זיך מיט'ן פראָגראם און מיט דער טאק-טיק פון דער סאָציאליסטישער פארטיי, און ביסלעכווייז זעהען זיי איין, אז דער סאָציאליזם געהט נישט חרב מאכען די וועלט, ווי זיי האָבען געגלויבט ביז איצט, נאָר פערקעהרט, ער קומט זי איבער-בויען אויף בעסערע און געזונדערע יסודות.

אויף אזא אופן ווירקט די סאָציאליסטישע בעוועגונג צווישען די ארבייטער אויך אין דער ריכטונג, וואס זי געווינט די סימפאטיע און אונטערשטיצונג אויך פון היבשע טיילען פון מיטעל-קלאס. דער רעאקציאָנערער ווידערשטאנד פון דער קליינער בורזשואזיע געגען דעם סאָציאליזם ווערט אלץ מעהר אָבגעשוואכט, און דער זיעג פון פראָלעטאריאט ווערט דעריבער אלץ זיכערער און זיכערער.

* * *

וואס זשע וועט זיין דער רעזולטאט פון זיעג פון פראָלע-טאריאט? וואס וועט מיט זיך ברענגען די נייע סאָציאליסטישע אָרדנונג?

דער זיעג פון פראָלעטאריאט וועט נישט נאָר אָבשאפען די

לוין-שקלאַפערײַ און דערמיט בעפרייען די מענשען פון עקספּלואַ-
טאַציע און אונטערדריקונג, נאָר ער וועט אויך אָבשאַפען דעם מאָר-
גנעם ווידערשפּרוך פון דער געשיכטע — דעם שטענדיגען געגענזאַץ
צווישען קולטור און אַרבייט. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער
באָדען פון קולטור — איז די אַרבייט, זענען אַרבייט און קולטור ביז
דער לעצטער צייט געשטאַנען אין געגענזאַץ איינע צו דער אַנ-
דערער: די פאָרשטעהער פון קולטור האָבען נישט געהאַט קיין
שייכות צו דער אַרבייט, און פערקעהרט, די פאָרשטעהער פון אַר-
בייט זענען געשטאַנען פרעמד פון קולטור.

מיט דער אָבשאַפונג פון פּריוואַט-אייגענטום און פון דעם
לוין-סיסטעם וועלען די פערהעלטנישען ווערען גאָר אַנדערע. די
געזעלשאַפט וועט שוין נישט זיין צוטיילט אויף אַרבייטענדיגע און
נישט-אַרבייטענדיגע עלעמענטען. אַלע מענשען וועלען אַרבייטען,
יעדער איינער וועט זיין בעשעפטיגט אין זיין פאַך, וועלכען ער
וועט זיך אויסקלייבען לויט זיין פערלאַנג און פעהיגקייט. די אַר-
בייט גופא וועט אָבער דויערען בלויז עטליכע שעה אין טאָג,
האָבענדיג פיל פרייע צייט, זייענדיג זיכער מיט'ן מאָרגענדיגען טאָג
און פיהרענדיג אַ רוהיגען און שענעם לעבען, וועט יעדער איינער
האָבען די מעגליכקייט צו ערווערבען בילדונג און קענטנישען, ענט-
וויקלען זיין גייסט און אויפהויבען זיך אויף אַ הויכער שטופע פון
אינטעלעקטועלער, עסטעטישער און מאָראַלישער פאָלקאָמענהייט.

און ערשט דעמאָלט וועט זיך אָנפאַנגען די ווירקליכע בלי-
הונגס-צייט פון דער מענשליכער קולטור! דער מענש וועט ווערען
אין ווירקליכען זינען פון וואָרט דער „מלאך העולם", דער האַר און
הערשער פון דער וועלט.

אינהאלט:

	זייט
משה טערמאַן (ביאָגראַפֿיע) — —	3
1) סאָציאַליזם און קולטור — —	11
2) קולטור און אַרבייט — — —	17
3) קולטור און שקלאַפֿעריי — —	24
4) אַרבייט און אייגענטום — —	31
5) די ראָלע פֿון'ם אַרבייטער-קלאַס — —	37

יעדער בעוואוסטזיניגער אַרבייטער דאַרף אַבאָנירען
קויפֿען און פֿערשפּרייטען די:

לעבענס־פֿראַגען

וועכענטליכע סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער־צייטונג

די צייטונג פֿערטיידיגט די אינטערעסען פֿון אַרבייטער און האַנדעלס־פּראָלעטאַריאַט.

דאָס פּראָגראַם פֿון די „לעבענס־פֿראַגען" איז דאָס פּראָגראַם פֿון „בונד".

אַבאָנאַמענטס־פּרייז:

אַ יאָהר 14 מ., אַ האַלב יאָהר 7, אַ פֿיערטעל יאָהר 3.60
אַ מאָנאַט 1.20 מ. איינצעל־פֿערקויף **30** פֿעניג.

אַדרעס פֿון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע

וואַרשא, נאָוואָליפּיע 7 וו. 12.

פּאָסט־פּאַך № 27

פֿערלאַג „לעבענס־פֿראַגען", וואַרשא, נאָוואָליפּיע 7/12.

ס'איז ערשינען

1) **2 קאָנפֿערענצען** — פּרייז **50** פֿעניג.
2) די קהלה און דער „בונד" — פּרייז **15** פֿעניג.
3) קאַרל מאַרקס — פּרייז **3**— מאַרק.
4) ש. דיקשטיין: פֿון וואָס איינער לעבט, (מיט אַ קורצע ביאָגראַפֿיע פֿון אויטאָר). — פּרייז **75** פֿעניג.
5) א. מערעזשין: „בונד און ציוניזם" מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון וו. מעדעם. — פּרייז **85** פֿעניג.
6) ב. מיכאַלעוויטש: די געזעלשאַפֿטליכע ענטוויקלונג און דער סאָציאַליזם. — פּרייז **1** מאַרק.

ס'איז ערשינען און פֿאַנאַנדערגעשיקט געוואָרען:

אונזער שטימע

(1=טעס זאַמעלבוך)

—— מיט פֿאָלגענדען אינהאַלט: ——

1) ח. מעדעם: דער גורל פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע;

2) ב. מיכאַלעוויטש: כל-ישראל-חלומות אָדער רעאַלע פּאָליטיק?

3) י. ז.: די יודישע קהלה אין פּוילען;

4) דוד איינהאָרן: דער מאָדערנער דיכטער און די מלחמה

5) י. א: פֿון דער בונדישער פּרעסע אין רוסלאַנד;

6) וו. שולמאַן: דער „בונד" אין רוסלאַנד פֿאַר דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע;

7) ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצען.

דאָס זאַמעלבוך האַלט 6 דרוק-בויגען אין גרויסען פֿאָרמאַט.

פּרייז 2 מאַרק.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען אין פֿערלאַג „לעבענס-פֿראַגען"